## סעמינאַר פאַר „קולטור און וויסן" ווינטער 1959/60

ביי „פריינט פון יידיש לשון", אַדלער־הויז, אדלער סטר. א.1

יעדן מיטוואָך פון 8 ביז 10 אַזייגער

**מיטוואָך, דעם 25׳סטן אָקטאָבער:**

**לעקטאָר:** יעקב ריכטיקער

**טעמאָ:** די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד

**מיטוואָך, דעם 2׳טן דעצעמבער**

**לעקטאָר:** רעוו רבי ספעקטאָר

**טעמאָ:** דער תוך און כוח פונם אוקראַיינישן ייד פון שנת ת"ח ביזן בעל־שם

**מיטוואָך, דעם 9׳טן דעצעמבער**

**לעקטאָר:** יוסף פרענקל

**טעמאָ:** פון טעאָדאָר הערצל ביז נחום גאָלדמאַן

**מיטוואָך, דעם 16׳טן דעצעמבער**

**לעקטאָר:** מאָריס מינדעל

**טעמאָ:** יידן אין לאָנדאָן די לעצטע 80 יאָר (ערשטע לעקציע פון די 80קער יאָר ביז 1905)

**מיטוואָך, דעם 23׳סטן דעצעמבער**

**לעקטאָר:** שלמה אויערבאַך

**טעמאָ:** דאָס שאַפן אין העברעאיש

מיר בעטן קומען פּינקטלעך! א״ינטריט פריי!

## „פריינט פון יידיש לשון" אין בן־אורי

בן־אורי, 12 פאָרטמען סטר. וו.1

זונטיק, דעם, 22׳סטן נאָוועמבער, 8 אַ זייגער

### שלום־עליכמס הומאר

**רעדנער:** דר. יעקב י. מייטליס

**לייענער:** י. ביעטש, נעט רובין, מנשה ווייסגראַז, **און** אייזיק גאָלדבערג

איינטריט פריי! **פאָרזיץ:** א. נ. שטענצל



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 339) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## א י נ ה אַ ל ט

יידנטום און העלעניזם, דאָס „חנוכה לעמפּל" פון בריטישן מוזעאום,
דער שלום־עליכם־מאָנומענט ........ ** 1
נישט אין אַ גוטער שעה (דאָס ווייטשעפּל־קאַפּיטל פון „די בלאָנזשענדיקע שטערן) ........ שלום עליכם 5
דער שניידער (פּאָעמע) ........ ש. זאַלקין 8
אויף חרובע וועג (המשך) ........ משה דאָמב 9
היימישע ענינים ........ ש. י. דאָרפזאָן 12
דער אַסטראָווצער, די אַדלער דינאַסטיע, נחום סאָקאָלאָוו און אחד העם,
דר. חיים ווייצמאַן (פּאָרטרעטן אין גראַמען) ........ א. נ. שטענצל 14
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים) י. ריכטיגער 19
אַ פרעמירטע דערציילונג ........ מ. אַלמאַן 25
מיין איינדרוק (לייענענדיק דאָס בוך „יידישע־שרייבער אינדערהיים") רחל מירסקי 27
אפרים קאַגאַנאָווסקי א״נדערהיים (צו זיין ערשטער יאָרצייט) משה בעקערמאַן 28
דער פּאָעט (ליד) ........ עלי זילבערג 32
אין שעה׳ן שפּעטע (ליד) ........ שמואל וועהייט 32
די מכה פון מאָקולאַטור ........ ש. 32
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32

גערעדנקט דעם חנוכה־באַל
שבת, דעם 2׳טן דעצעמבער

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by A. N. STENCL, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Caveli Sreet, London, E.1*

פריינט פון יידיש לשון

ג ר אַ נ ד י ע ז ע ר

## ח נ ו כ ה   ב א ל

טאַנץ און געשמאַקער צובייסן — דריידלעך און לאטקעס

אין דער אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

**שבת 2־טן יאנואר**

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס — אָנפאַנג, 7.30


## סעמינאַר פאר „קולטור און וויסן" ווינטער 1959/60

ביי „פריינט פון יידיש לשון", אַדלער־הויז, אדלער סטר. א.1

יעדן מיטוואָך פון 8 ביז 10 אַזייגער

מיטוואָך, דעם 30׳טן דעצעמבער

לעקטאָר: יעקב ריכטיקער

טעמאָ: די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד (צווייטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 6׳טן יאַנואַר

לעקטאָר: רבי אליעזר ספעקטאָר

טעמאָ: דער כוח פון אוקריינישן יידנטום פון שנת ת״ח ביז בעל שם (ערשטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 13׳טן יאַנואַר

לעקטאָר: יוסף פרענקל

טעמאָ: פון טעאָדאָר הערצל ביז נחום גאָלדמאַן (צווייטע לעקציע)

מיטוואָך, דעם 20׳טן יאַנואַר

לעקטאָר: מ. מינדעל

טעמאָ: יידן אין לאָנדאָן די לעצטע 80 יאָר (צווייטע לעקציע)

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אפצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 339)    צוואַנציקסטער יאָרגאַנג    דעצעמבער 1959 לאָנדאָן


## יודנטום און גריכנטום (אַ גרונד־שטריך)

ווו ליגט דאָס אַנדערשדיקייט פון די חכמי אַטען און די חכמי ישראל, וואָס איז דער תוך אונטערשיד פון יידנטום און העלעניזם; די צוויי פאָלן אין אַקס אַרום וועלכן דער גלגל־העולם פון גייסט דרייט זיך שוין טויזנטער און טויזנטער יאָרן? עס ברעכט זיך, עס וואַקלט דאָס ראָד אויף דער אַקס, אָבער עס ווערט פאַריכט, גוט אָנגעשמירט, אַריינגעדרייט — און עס גייט ווידער אַ גאַנג: דער געזאַנג פון מענטשלעכע דורות, פון קולטור און וויסן, פון קונסט און ציוויליזאַציע — דאָס שאַפן פון פעלקער!

אַ פאַרלוירענער איז דער מענטש אין דער גרויסער נאַטור, פון אַלע זייטן לויערן די געפאַרן, אין אים ליגט דער טויט מיט אַלע בייזע אַנשי־קענישן; כאָטש אין אַ הייל זיך צו באַהאַלטן, אין אַ שפאַלט פון א פעלדז זיך פאַרקריכן: די גרויסע שרעק פאַרן צעבליצטן הימל און די פינסטערע ערד, פאַר אייגענעם שפיגל־בילד אין די ברויזנדיקע וואַסערן און אין דעם געבוירע־נעם אינם אייגענעם בלוט.

און דאָ אַרום אים אַזאַ ברייטע וועלט מיט אַזויפיל האָב און גוטס! ווי קומט מען צו צו די אוצרות פון דער מאַמע־נאַטור, צו אירע געהיימע קאַמערן, ווו געפינט מען דעם בונט פון די סודותדיקע שליסן, וואָס מיט איין דריי און די טירן שטייען אָפן, און דו פאַלסט צו צו אירע וואַרעמע פולע בריסטן פול מיט מוטער־מילך, שפילדיק דיין פאַרוואונדערטן, גרויס־אויפגעריסענעם בליק אין די אבנים טובות און דיינע קליינע, שוואַכע הענטלעך — אין די פערל־שנירן.

דער צוגאַנג און דער אויסגאַנג איז דער זעלבער — עס פאַלט דער מענטש ביים ערשטן שריט און ביים לעצטן! דער חילוק איז נאָר אין דעם קורצן לעבנס וועג, און אינם באַלייכטן און דערלייכטערן אים פון די טויזנט שטרויכלונגען; דער יידישער וועג איז צו זיך, צו פנימיות — צו אחד; דער גריכישער צו חצוניות, צו סימעטרישע פאָרעם — צום געטער־פאַרנאַס.

אונזער וועג איז דער „הכובש את יצרו", אַרבעטן איבער זיך; דעם אייגע־נעם גוף אויסצומאָדעלירן; דאָס הייפעלע ערד אויסגעפאָרעמט אין געטלעכע הענט; און דאָס העכסטע איז — „משה עבדי"! „חנינה בני"!! דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל זיך צו קענען אַדורכציען. זייערער איז צו באַהערשן די וועלט. וואָס מער פלאַץ איינצונעמען, יעדן שטיין כאָטש אויסצוהאַקן און „מאַכן פון אים אַ מענטש", און פון דער גאַנצער ערד — דעם „שקלאַוון שטאַט".

דאָס איז דער צוגאַנג! און דער אויסגאַנג: די גריכישע פילאָסאָפיע, די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, די קונסט. וואָס מער אויספאָרשן די נאַטורס געהיימע

גענג, וואָס מער אָפּקוקן איר מינדסטן באַוועג; איבער כיטרעווען איר קלוגקייט, איינפאַנגען איר שיינקייט — מיט אַלע כוחות באַהערשן צו אַלע אירע כוחות!

דעם אייגענעם קערפּער צומאָל אויסברייטערן מיט פלעכן און שטריכן — אויסבולטן יעדן מוסקל פון אייגענעם גוף; יעדן חוש, יעדעס געפיל, וואָס הנאהדיקער אויסציען און פאַרלענגערן. יאָ, צו באַזיצן אַלע כוחות פון דער נאַטור, זיי האַלטן אין דער האַנט און זיי אויסנוצן פאַר נוץ פונם מענטש, זי זאָל אונז דינען ווי אַ שקלאַוון־שטאַט, אָדער — אונז דערמאָרדן...

ביי אונז איז אַלץ „יד ד׳“, „אצבע אלוקים“, „אַ מענטש צעקלאַפּט זיך נישט דאָס קליינע פינגערל הינטן, אויב מען רופט נישט פריר אויס פון אויבן“. אַלע אונזערע געזעצן זיינען צו צוימען דעם מענטש, אים צו באַהיטן פאַר די שרעקלעכע נאַטור כוחות; זיי נישט אויפצורייצן, גיט מען זיי אַ פינגער ווילן זיי די גאַנצע האַנט. און די שיינקייטן, ווי פאַרפירעריש זיינען זיי! ווי פאַר־קירצן זיי דאָס שוין קורצע לעבן. יאָ, צומאָל פאַר זיך אַליין, פאַר די אייגענע כוחות ווי מוז מען זיך היטן.

נישט דאָס פייער גנבענען פונם הימל — מישטיינסגעזאָגט וואָס מ׳קען שוין צוגנבענען פון די אינסופיקע אוצרות! — אויפגיין אין אומענדלעכן פלאַם פון התלהבות — ווערן אַ ניצוץ אלקים!

יאָ, 10 געבאָטן זיינען נישט גענוג, תרי״ג מצוות זיינען אויך ווייניק, ווי מען מוז זיך דאָס אַדורכאַרבעטן, דורך טויזנט פינסטערנישן, דורך טויזנט שטרויכלענישן צו צוקומען צו דער נקודה מענטש — צום פינטעלע ייד.

און שוין דאָס איז גשמיות שבגשמיות! „ויאמר“ „וידבר“, ס׳זיינען אַלץ נאָר ווערטער! מען מוז קענען אויפגיין מיט אַ בלויזן ניגון, מען מוז קאָנען אויס־גיין ווי אַליכט אין אַ פלאַם — — —

ביז צום היינטיקן טאָג נאָך איז די שיינקייט פונם יידישן פנים דער אויס־געאַרבעטער הדרת־פנים, און זייער שטאָלץ יעדע קרקע בתולה צו באַזיצן.

און אַזוי ציט זיך דער שבכתב און שבעל־פה ביז צום לעצטן געשאַפענעם וואָרט, וואָס יידישלעך פאַרטראַכט און פנימיותדיק פאַרטיפט. צומאָל אין אונ־זער מאָדערנער פלאַסטיק מערקט זיך בולט דער גרונד־שטריך: זי איז נישט געצייכנט, זי איז פאַרצייכנט אויף פאַרטיפטע געדאַנקן־ליניעס, און די פלעכן — קאָלירן־קאָלעראַטור. און אַזוי דרייט זיך רעדל אין רעדל פון אַרכימעדעס ערשט ראָד ביז צום לעצטן רעדעלע די שטערן שוין צו דערגרייכן —

וויפיל דער העלעניזם האָט זיינס דערגרייכט, האָבן מיר אונזערס נישט ווייניקער. און נישט ווייניקער ווערטער פאַרשווענדט דעראויף, וויפיל זיי זייער פּויסט. און אַטלעט צי דער אַסקעט, ווער פוןביידע איז מער עסטעט?

ווי אַזוי? מיט וואָסער מיטל? אפשר אין גרונד קיין חילוק נישט, אָבער אַזוי איז דער תוך־אינטערשיד אינם וועג פונם צוגאַנג ביז אויסגאַנג.

אָן פאַלן איז אָבער קיין אַקס נישט דאָ, און אָן אַקס קיין זיך באַוועגלעכער גלגל. יאָ מען מוז אַמאָל דאָס גלגל־ראָד שמירן, אַז עס זאָל זיך קענען ווייטער דרייען... אַז דאָס גייסטיקע אין דער וועלט זאָל נישט אויפהערן צו לייכטן.



## דאס „חנוכה-לעמפל“ פון בריטישן מוזעאום

(צו פרצעס חנוכה־דערציילונג)

נישט אַ צעברעקלטע ווענוס־געטין צו זען,
צי דעם אַפּאָלאָ־גאָט מיט דער צעקרישלטער נאָז,
איך בין אין בריטישן מוזעאום געגאַנגען,
זען ס׳מנורהלע, פרצעס, ווי ס׳שטייט אונטער גלאָז —

מיט פּיסל צעקרומטן, וואַקלדיקן רערל,
ווי מעשן אַזוי ס׳גלאַנצט פון שייבן־קעסטל אַרויס!
דאָס פייגעלע אויפן בוים, די לייבן די צוויי,
ווער ווייסט ווי לאַנג שוין זיי קוקן זיך די אויגן אויס?

זיי דערקענען מיך: דאָס שוועלבעלע וויינעוודיק,
חנוכהדיק־חנעוודיק, „מעוז־צוריק“ זיס;
די לייבן גלאָצן מיט צעגלאַנצטע צונגען,
קוים שוין וואָס זיי שטייען איין אויף די מעשענע פיס.

ס׳וואַקלדיקע רערל — אָן אָפּגעהאַקט קעפּל,
פּיעשטשענדיק, שטיל־פּישטשענדיק — אַ נישט דערקוילעט קינד:
די אייגעלעך־ליכטעלעך, אָנגעצונדענע,
אויסגעצאַנקט פאַרקוילטע, זיינען אַלע אַש שוין אַצינד.

אָפּגעראַטעוועט אונז אין זיין וווּנדער מעשה,
עס האָט פרץ, און אַן ענגלענדער אַהערגעברענגט —
אָנגעצונדן אין מיין בליק אַ מנורהלע,
ווי אויף אַ ביישטידל אין דער היים אַמאָל, איצט העגגט.

כ׳זוך דאָ, כ׳נישטער דאָרטן, און גאָר נישט איך געפין,
קיין זכר פונם „חנוכה־לעמפל“ נישט צו זען!
ביים אַרויסגיין, קוקט מיך גאָט־צויס שמייכלדיק נאָך:
ס׳איז דאָך אַ פאַנטאַזיע בלויז ביי פרצן געווען...

און זע, נישט קיין פאַנטאַזיע — ס׳איז אַ נס געשען!
„אויג אָן אויג דאָס אַלטע חנוכה־לעמפל דערקענט“:
נישט אַ פאַרלאָשנס אין מוזעאום אונטער גלאָז,
אין יעדער יידישער שטוב אָנגעצונדן עס ברענט.

און דאָס פייגעלע אויפן בוים און די לייבן,
קוקן לאַכנדיקע מיך אָן מיט אַזויפיל פרייד!
בלויז דאָס וואַקלדיקע רערל, אויפגעלויכטן,
מיט אַן אַש־טרערל אין אויג טיף־פאַרטראַכט, אַזוי שטייט.

# דער שלום-עליכם-מאָנומענט

(צום שלום־עליכם יאָר *)

פון מירמלשטיין אויסשלאָגן מאָנומענטן,
אָבער פון גאָלע בלאָטע זיי אויסצוקלעבן?
נאָר גאָט אַליין אַזוינס באַווייזן האָט,
אין אַזאַ הויפן אַריינצובלאָזן לעבן.

אין טויטן־טאָל אויסגעטרוקנטע ביינער,
צוריק זאַפּטיקן אין באַוועגלעכע גלידער,
נאָר אין די נביאים אַזוינס געשריבן;
בלויז אין אונזערע צייטן ווערן ס׳זאָל ווידער?

אַש און בלאָטע געמאַכט פון מנחם מענדלען,
קיין שריד ופליט פון טביה׳ן געבליבן,
און מאָטל פייסעס און שפּרינצע און גאָלדע —
גאַנץ יעהופּעץ און דער ערד אַריין געטריבן!

און וואָס איז פון קאַסרילעווקע געוואָרן,
און וואָס, שלום עליכם, פון זיינע קינדער?
אַ מיליאָן! און אַ מיליאָן יעדעס די ווערט!!
אָ, גאָט, ווו זיינען זיי אַלע אַצינדער?

און וונדער איבער וונדער, זע זיי לעבן:
זיי רעדן, ווי פלינק מיט די הענט זיי באַוועגן,
ווי זיי לאַכן! און מיט אַלע פּיוטשיווקעס,
יעדע פראַגע מיט אַ פראַגע זיי באַפרעגן:

מיר לעבן? ווי אין דער הייליקער תורה,
מיר זיינען פאַראייביקט, אומשטערבלעך צו בלייבן;
ווי אברהם, ווי יצחק און ווי יעקב,
אַז מענטש, זאָל אין וונדער ווידער גלייבן.

ס׳טרויריקסטע פאלק, ס׳טרויריקסטע יאָרהונדערט, —
מיליאָנען יידן אויף שייטערהויפן ברענען! —
און אין אַזאַ פלאַמיק פלאַקער־געלעכטער,
מיט טויזנט צינגען זיך צו צעהילכן קענען —
— — — — — — — — — — — — — — — —

פון מאַרמאָר אויסגעשלאָגענער מאָנומענט,
כאָטש זעץ אים אויף אַ פערד אַרויף ער זאָל רייטן — —
טביה, מיט יידישן וואָרט אין זיין מויל,
צו לעבן אַזוי אין אַלע אייביקייטן.





## נישט אין אַ גוטער שעה

נישט אין אַ גוטער שעה איז אונזער נע־ווּנד׳נע טרופּע „האָלצמאַן, שוואַלב עס קאָמפּ״. אַריינגעפאָהרען קיין לאָנדאָן. דער דירעקטאָר פון דעם דאָזיגען טעאַטער, בערנאַרד האָלצמאַן, האָט זיך געפיהלט, גלייך ווי ער וואָלט אַריינפאַלען עפּיס אין אַ פינסטערער גרוב, אָדער אין אַ זודיגען קעסעל, פון וואַנען ס׳איז נישט אַזוי גרינג אַרויסצוקריכען. אַלץ האָט זיך איהם אויסגעוויזען טונקעל, וויסט און פינסטער. אַלץ האָט איהם אויסגעזעהען ווילד, משונה אומגעלומפּערט. די מענשען מיט זייער לשון האָבען ביי איהם אַ פּנים געהאַט פון ריין משוגע. דער רעש מיט׳ן טומלען מיט׳ן הו־האַ האָבען איהם אינגאַנצען פאַרטשמעליט דעם קאָפּ, און ער האָט געוואָרפען איין אומ׳חן אויף דער טומעלדיגער שטאָדט מיט׳ן חמורנעם פּערוויינטען הימעל מיט דער גאַנצער ענגעלשער מדינה, וואָס איז איהם נמאס געוואָרען, מע קאָן זאָגען, פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף דער ענגעלשער טעריטאָריע, ביז ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז דעם ריח־ניחוח פונ׳ם ברודנעם ווייטשעפּעל.

אַריינגעפאָהרען אין לאָנדאָן אין מיטען ביי טאָג, האָבען זיי געטראָפען אַ מורא׳דיגע פינסטערניש, ווי אין מצרים. ממש מיט די הענד איז געווען אָנצוטאַפּען דאָס חשכות. די דאָזיגע שטאָדט, לאָ־די וואָס גאָט האָט זי פערשאָלטען, צוגענומען ביי איהר די זון, האָט זי האָלצמאַן, פון זיין זייט, אָנגעשאָלטען — ס׳זאָל נאָר פאַלען אין וואַסער אַריין. ער האָט איהר געווינשעוועט, ווי אַמאָל היינריך היינע: דער ים זאָל זי איינשלינגען און צוריק אַרויסשפּייען — און האָט נאָך צוגעלייגט אַ קנייטעל: ס׳זאָל ווערען פון איהר אַ שטיק זאַלץ, ווי פון לוט׳ס ווייב איז אַמאָל געוואָרען.

אונזער האָלצמאַן האָט זיך געפיהלט אין לאָנדאָן זעהר־זעהר פאַסקודנע. אַ סך ערגער ווי אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, אין האָלענעשטי. ניט אומזיסט איז ער געווען אַזוי צוטראָגען און נישט אויפגעלייגט, בעת ער האָט נאָך געקליבען זיך מיט דער קאָמפּאַניע אַריבערצופאָהרען אַהער פון טשערנאָוויץ.

דאָס ערשטע בעגעגעניש איז שוין געווען אויף צרות. אַרויסגעפאָהרען אַקעגען דער טרופּע איז שוואַלבס ברודער מיט נאָך עפּיס אַ פאַרשוין, וואָס ניסעל שוואַלב האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר די געסט, אָנגערופען ביים נאָמען „מיסטער העטשקינס״ און אַ זאָג געגעבען צו זיי אויף יודיש, אַז דאָס איז אַ קריסט. און חאָטש ער איז אַ קריסט, דאָך איז ער דער בעל־הבית און דער מענעדזשער פון דעם גרויסען יודישען לאָנדאָנער פאַוויליאָן־טעאַטער. דער

* מיר האָבן אָנגעהויבן דאָס שלום־עליכם־יאָר מיט אַן עקסטערע נומער „לשון און לעבן״ און מיר שליסן עס, מיט דעם ווייטשעפּל־קאַפּיטל פון „נע־ווּנד״, דעם צווייטן טייל פון שלום עליכמס באַרימטן ראָמאַן „די בלאָנזשענדע שטערן״. —ד.ר.

דאָזיגער בעל־הבית און טעאַטער־מענעדזשער האָט אויסגעזעהען אין האָלצמאַנס אויגען גיכער, ווי אַ מענש, וואָס מעג איהם אָנשטעהן אַרומטראָגען מאַראַנצען אָדער אַייז־וואַסער צו פערקויפען אין טעאַטער צווישען די אַנטראַקטען. „עפּיס אַ בולאַנער שייגעץ — האָט זיך האָלצמאַן געטראַכט — מיט איין אונטערגעשוירענע היטשקע מיט איין אָבגעשיילט סטרופּעוואַטע פּנים”...

אָנגעטאָן איז ער געווען, דער דאָזיגער מענעדזשער, אין אַ מאָדנע רעקעל אין דער טאַליע, ניט אויף זיין מאָס גענייהט, קעסטעלדיגע אונטערגעבויגענע הויזען, אויבען ברייט, אונטען שמאָל, אויף גלאַנצעדיגע שיך מיט הויכע אָבצאַצען. פונ׳ם רויטען שמאָלען האַלדז האָט איהם אַרויסגעשטעקט אַ שאַרפער קנאָפּ, וואָס ניט דער גרויסאַרטיגער שניפּס, ניט די בריליאַנטענע נאָדעל האָבען דאָס געקאָנט פערמאַסקירען. אויפ׳ן פאָרשטעלען איהם די אָנגעקומענע געסט, האָט דער דאָזיגער מיסטער העטשקינס אויסגעצויגען צוויי פינגער, בעוויזען דריי גאָלדענע צייהן און שלעפעריג אַ זאָג געגעבען מעהר ניט אַז איין וואָרט: „אלל־רייט”. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו די געסט מחילה מיט׳ן חלק, וואָס איז אַיינגעפיהרט, מע זאָל איהם האַלטען פון הינטען, עמיצען אַ וואונק געגעבען מיט איין פינגער, און — צום גרויסען בעוואונדערן פון אונזער גאַנצער טרופּע — איז גרויסאַרטיג צוגעפאָהרען איין אויטאָמאָביל. דער פּאַרשוין, וואָס רופט זיך „מענעדזשער” און הייסט מיסטער העטשקינס, איז אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָמאָביל און איז פערשוואונדען געוואָרען אינ׳ם געדיכטען גרויען שווערען לאָנדאָנער נעבעל.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזעהען דער ברודער פון האָלצמאַנס שותף — ניסעל שוואַלב. ער האָט זיך געהאַלטען אַ סך ברייטער פונ׳ם פערשוואונדענעם בעל־הבית, מיסטער העטשקינס. ער האָט יאָ אויסגעזעהען, ווי אַ שטאָדט־בעל־הבית, וואָס ניט נאָר דאָס לאָנדאָנער טעאַטער, נאָר גאַנץ לאָנדאָן מיט דער סביבה אַרום און אַרום געהערט צו איהם.

ברייט און דיק, אַזוי ווי אַ פאַס, איז ער צוויי מאָל אַזוי הויך, ווי זיין ברודער. אַ געגאָלטער, שטענדיג מיט אַ ציגאַר אין די צייהן, מיט אַ קליין קאַפּעלישעל אויף דער זייט, אַ צופרידענער מיט זיך און מיט אַייך און מיט דער גאַנצער וועלט, האָט ער, לאַכענדיג הויך אויף אַ קול, געקאָמאַנדעוועט מיט די געסט, גלייך ווי זיי וואָלטען געקומען צו איהם, ניט אין טעאַטער אַריין.

קודם האָט ער זיך אַרומגעהאַפּט מיט יעדען איינציגען קומען, נישט דורכגעלאָזט קיינעם, פונקט ווי ער וואָלט מיט זיי אַלעמען געווען בעקאַנט און בעפריינדעט מי־יודע פון ווען אָן. נאָכדעם האָט ער מיט די אייגענעם ידים אַראָבגעהאַפּט מחילה אַלע פּעקלעך פון וואַגאָן און אַליין געדונגען אַ „קערידזש” און גענומען קאָמאַנדעווען מיט די געסט:

— דו, איזאַק, זעץ דיך אַוועק מיט ראַפּאַלעסקאָן אָט דאָ, אויבענאָן. הענריעטען קוועטש אַריין אין דער מיט, אָט אַזוי אָ. און איך מיט דיין שותף וועלען מיר זיך אַריינהאַקען אַקעגען.

בעת־מעשה האָט ער פריינדליך אַרויפגעלייגט אויף האָלצמאַנס דאַרע



שפּיציגע פּלייצע אַ גראָבע אַ קיילעכיגע אַ פּעכקע האַנד. אונזער דירעקטאָר האָט געכאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אויף זיין שותפ׳ס ברודער און מיט׳ן אַנדערן אויג — אויף זיין שותפ׳ס ברודערס האַנד: „אַ ביסעל אַ יד! זי וואָלט איהם געמעגט אָבדאַרען היינטיגען דאָנערשטאָג פּאַרנאַכט... וואָס איז ער מיר דאָ אַ קאָמאַנדיר? דעם הייסט ער זיך זעצען אַהער, דעם — אַהין, און הענריעטען אַריינקוועטשען אין מיטען? און וואו בין איך?... איך וועל זאָגען דעם שותף מיינעם, אַז איך האָב פיינט אַזעלכע זאַכען... מע דאַרף איהם, אָט דעם וויזעל־טיר, לכתחילה, נאָך איידער עפּיס וואָס, אָבהאַקען די פליגעל, ער זאָל וויסען דרך־ארץ... אַ דבר־אחר בעדאַרף מען געבען גלייך איבערן פּיסק!”...

אָט אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער האָלצמאַן איהם צו זאָגען. נאָר אָנשטאָט דעם רופט ער זיך אָן צו זיין שותף:

— הערסט דו, איציקעל? דער „אחי” דיינער, קיין עין־הרע, איז אויסגעוואַקסען אין דער לענג און אין דער ברייט.

דערויף ענטפערט איהם דער שותף, קוקט אויפ׳ן ברודער מיט ליעבשאַפט און מיט גדלות, און דאָס פּנים גלאַנצט איהם, ווי אַ פעטער קוגעל, און שוויצט:

— אויסגעוואַקסען — זאָגסט דו? פּחע, ביי אונז אַלעמען אַזאַ „גאָדלע”...

— דאָס זעהט מען שוין — מאַכט האָלצמאַן און טראַכט זיך: „וואו זענט איהר געווען אַלע בשעת דער גרויסער חלירע?”...

ווי דער רוח דעם מלמד, האָט אונטערגעכאַפּט דער „קערידזש” אונזערע אָנגעקומענע געסט און געטראָגען פייל אויס׳ן בויגען איבער די רוישענדיגע גאַסען פון דער רוישענדיגער שטאָדט. אונזער דירעקטאָר האָלצמאַן האָט זיך געפיהלט די גאַנצע צייט, אַז ס׳איז איהם ענג. ניטאָ מיט וואָס צו כאַפּען דעם אָטעם נעבען דעם דאָזיגען „וואַסער־אָקס” — אַזוי האָט ביי איהם געהייסען זיין שותפ׳ס ברודער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו קאָמאַנדעווען אויך שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געקומען אויפ׳ן רעכטען פּלאַץ, אין ווייטשעפּעל. דאָרט האָט זיי ניסעל שוואַלב אַרונטערגענומען אַלעמען, איינציגווייז, כמעט אויף די הענד אַראָבגעטראָגן, און יעדען איינציגען מיט אַ „האָפּליאַ” און מיט אַ געלעכטערל, וואָס האָט האָלצמאַנען געפּיליעט ביים האַרצען.

ניין. ניט אין אַ גוטער שעה איז געווען האָלצמאַנס ערשטער אַריינפאָהר אין לאָנדאָן. עפּיס האָט איהם געזאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָ, אויפ׳ן ענגען האָריזאָנט פונ׳ם לאָנדאָנער גרויען הימעל, דאַרף אונטערגעהן זיין שטערן, וואָס האָט איהם ביז אַהער אַזוי העל געלייכט און געשיינט... זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אויסגעלאָזט, ווי אַלעמאָל, אויפ׳ן קאָפּ פון דער אַלטער מאַמע, שרה־ברכה נעבאַך, און אויף דער אומשולדיגער שוועסטער זלאַטקע, אָדער גאָר אויף די אַקטיאָרען און אַקטריסעס, געשמיצט און געוואָרפען זיך, געקריעגט, געבייזערט זיך און געשאָלטען מיט אַזעלכע קללות, וואָס האָלצמאַן וואָלט געקאָנט צונויפשטעלען פון זיי, ווען ער זאָל האָבען צייט און קאָנען שרייבען, אַ גאַנצען בוך נאָכ׳ן אלף־בית.

ש. זאַלקין

## דער שניידער

א וועכטערס פייף און א פון א הונט א ביל,
אַרום איז אַלעס ווידער שטיל,
קיינער זעט און קיינער הערט
ווי אין אַ חדר ווו עס ווערט,

קליידער גיך געמאַכט
אין שפּעטע שעהן פון דער נאַכט,
ס׳זיצט א שניידער אויפן טיש,
אין קאָפּ עס גיט זיך אים א מיש :

„שוין פערציק יאָר דעם פאָדים כ׳ציִ,
„וואָס־זשע האָב איך פאַר מיין מי ?“ —
א „בלייך געזיכט און דאַרע ברוסט !“ —
ענטפערט אָפּ זיין טרוקן הוסט . . .

ער נייט און טראַכט, „געאַרבעט שווער
א לעבן לאַנג מיט נאָדל, שער ;
געמאַכט די קליידער שיין און גלאַט,
און אָפּט געציטערט, ווי א בלאַט“.

ער בייסט דעם פאָדים מיט די ציין
און קוקט אַרום זיין אָרים היים :
אַן אַלטע בעט, א צעבראָכן שטול,
קיין שטענדיק אָרט אין שניידער־שול ;

קיין נייע קלייד, קיין גאַנצע שיך,
ניין, גאָרנישט אָנגעגרייט פאַר זיך,
נישט אויף דאָ און נישט אויף דאָרט,
אַחוץ פערציק יאָר געניייט, געשפּאָרט . . .

ער פּרעסט און שעפּטשעט אין דער שטיל :
„געמאַכט בגדים — אַזויפיל,
„געבלענדט די אויגן דורך די געכט,
„צו זיך אַליין געווען שלעכט . . .

„איצט איך ווער שוין שוואַך און אַלט,
„פון האַנט דער שווערער אייזן פאַלט ;
„און וואָס וועט שפּעטער מיט מיר זיין ?
יאָ, „גאָט, וועט מציל זיין פון פּיין !“



משה דאַמב

## אויף חרובע וועגן

המשך

ס׳איז געווען אַ זוניקע שטראַלנדיקע פרײדיקע אַטמאָספערע. אַלע האָבן געשמייכלט און זיך געוויצלט. פון צייט צו צייט איז דאָס געלעכטער אַביסל איבעררייסן געוואָרן, ווען אימיצער צווישן דינהעס חברטעס האָט ערנסט אַ זאָג געטון : דינה איז אַזאַ טייער מיידל, זי וועט אונז פעלן. . . . ווער קאָן נאָך אַזוי שיין און אַרטיסטיש רעציטירן טוויִמס לידער. איצט, ווי שיין זי דערציילט אַנעקדאָטן פון מיידלערישן גימנאַזיום. אַן אַנדער מיידל האָט אַ האָצקע געטון און דערציילט : יאָ, יאָ, מע שיקט דינהען עקסטראַ קיין לאָנדאָן, עטץ ווייסט פאַרוואָס ? ! ! ! עה, עה, ווייל דינהעס טאַטע איז קלוג, ער וויל ניט אַז זיין טאָכטער זאָל ווערן איטשעל גאַרבערס שנור. . . . יאָ, יאָ. . . . מיין מאַמע האָט דאָס אַליין געהערט פון דינהעס מאַמע, אסתרל דאָבע שרהעס. . . . אַן אַנדער מיידל האָט אַ פינטל געגעבן מיט די אויגן און נערוועיש פאַררויטלט אויפן פנים, שנעל רעדנדיק און דערביי וויזנדיק מיט אַ האַנט צו חיים ריינעסעס געל־ווייס געמאָלן הויז : פאַרוואָס וואַרפן זיי ניט אַרויס דעם גאַרבער־יונג און לאָזן אים ניט מער פאַר די טיר. . . . אַלע האָבן געשוויגן מיט פאַרבויגענע קעפּ. ווען זיי זענען געקומען צווישן די פעלדישע גרינקייט מיט גרין־געקעסטלדיגע בייטן און פאַליענדיקע טונקל־גרינע קערנער אויסגעמישט מיט רויט־מאָניקע, בלאָ־גרינע קאָנקל בלומען, האָט זיך די שטימונג געענדערט ביי די גאַנצע חברה ; זייערע פנימער האָבן זיך צעשמייכלט, זייערע נאָז־לעכער האָבן הנאהדיק געאָטעמט, דעם ריח פון פריש געקאָסעטן היי, פון חיים ריינעסעס לאָנקעס. די שאַפירענע טונקלע וועלדער, זענען געווען איינגעהילט אין מילכיקן נעפּל ; דער נעפּל האָט זיך פויל געוויקלט אַרום די צווייגן פון די ביימער. אַ דורכזיכטיקער העל־בלאָער שלייער האָט פאַרדעקט די קאָנטורן ; די וואַלדישע ביימער האָבן גערוישט שאָרכנדיק מיט אַ פאַרבענקט מיסטישע סודותקייט. סע האָט געלאָקט מכשפיש און דערמאָנט אין חדר מעשיות וועגן רויבערס אין וואַלדישע היילן אונטער די ערד מיט טויזנטער טירן און זייערע צוגערויבטע שענסטע מיידלעך, וואָס קליידן זיך אין בריליאַנטן און פּערל און עסן געבראָטן הירשן־פלייש, טרינקען צו מעד פון עכטן האָניק און ביינאַכט נאָך צוועלף אַזייגער שפּאַצירן זיי איבערן וואַלד, ווען זייערע געליבטע רויבער זענען אַוועק ערגעץ רויבן. פאַר יעדן זענען די וואַלד לעגענדעס געווען אַ רייץ מיט כישוף. צוקומענדיק צום וואַלדישן ראַנד האָט זיך ווי געדאַכט אַז עמיץ רופט און לאַכט הויך : כי, כי, כי . . . קומט, קומט, העי. . . .

ביים וואַלדישן ראַנד, נעבן די פאַרשטנטע סאָסנע ביימער און זאַמדיקן באָדן, זענען געשטאַנען און געוואַרט אויף דינהען, אירע חברטעס און חברים. די מיידלעך האָבן געפלאַטערט אין זייערע ווייס־קרעמיקע געפּאַלבטע זומער קליידער, ווי זומער־פייגעלעך. געלעכטער מיט זאָרגלאָזיקייט און צערטלעך מיידלערישע קוויטשערייען געמישט מיט מענערישע צווישן־רופן, האָט אָפּגע־

הילכט מיט אַ טאָפּלטן וואַלד־עכאָ. אַלע האָבן זיך געקליבן אַריינצוגיין אין וואַלד אַריין. זיי האָבן נאָר געוואַרט אויף דינהען.

ווען דינה האָט פאַרלאָזט איר שטוב, כדי צו באַגעגנען די וואַרטנדיקע אויף איר חברה, האָט יחיאל דערווייל זיך געוואַשן און געפּוצט מיט פּעדאַנטיש־קייט זיין גוט אָפּגענוצטן, אָפּגעשאָסענעם גראַנאַטענעם אַנצוג און פאַרקרומטע שיך פון שאָסעישן קאַלך־שטויב. כאָטש ער׳ט זיך געאיילט ביים פּוצן, האָט זיך ביי אים טיף אינווייניק געפּיקט אַ סודותדיקע באַהאַלטענע ציטערדיקע שמחה, וואָס ער וועט האָבן אַ שאַנס צו זיין צוזאַמען מיט מלכהען. דורך אַ טריק וועט ער זיך אָפּזונדערן פון אַלעמען און אַוועקוואַנדערן מיט איר איבער די זאַמדישע פּיראַמידן מיט די יאַלקע שטעכיקע דערנער, ערגעץ ווייט אַוועק, איבער יענעם זייט וואַלדישן ראַנד אַווו אין דעם זאַמדישן טאָל פליסט אַ געל־רויטלעך טייכל, וואָס שמעקט מיט ווילדקייט און מאָכיקע גראָזן. סע וואַקסן דאָרט פאַרגעס־מיך־ניט בלימעלעך, סע שווימען אויפן אויבערפלאַך פון וואַסער לאָטאָס־בלומען און מעדוזן. ער וועט זיצן מיט איר ביים טייכישן ברעג אויפן ווייכן שמעקנדיקן גראָז, זיי וועלן ווייקן זייערע באָרוועסע פיס אין וואַסער, זיי וועלן ביידע צעפרידן אין זיך שווייגן און וועלן קוקן פאַרחלומט אויפן טייכישן שטראָם וואָס פליסט ווייט, ווייט, אַזש איבער שעפּסל מילנערס מיל אַווו קריינדל דעם מילנערס וואַשט דאָס גרעיט און אירע סאַמעטענע שוואַרצע האָר אין דעם טייך ביים גרינגראָזיקן האָלצערנעם מיל־ראָד. ער וועט כסדר קוקן אין אַ זייט אויף איר שיין פּנים.... נאָכדעם וועט ער גיין מיט איר צו די געקאָסעטע לאָנקעס פון חיים ריינעס און וועט זיך באַשיטן מיטן געטרוקנטן שמעקנדיקן היי און וועט אין זיך אַריינזאַפּן דעם ריח פון מלכהס גוף צוזאַמען מיט היי ריח, דערביי אפשר האָבן דאָס גליק זי ארומ־צונעמען, זי אויסקושן און אַזוי פאַרשלאָפן ווערן באַדאַי אויף אייביק . . . ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און אַ אינערליכן קרעכץ געטון: אוי, גאָט, העלף מיר . . . דערביי האָט ער אַ ציטער געטון מיט שרעקעוודיקע פייער־פינקלדיקע פרייד, גלייכצייטיק האָט דאָס האַרץ אים געקלאַפּט מיט סכנה און בליץ־שנעל איז אים געקומען אַ רעיון: הלוואי זאָלן זיי אַמאָל ניט אַ ווינק טון צו מלכהן, זי זאָל זען זיך צו האַלטן אין ראַם . . . און ניט אַוועקגיין פון אַלעמען, ניט זיין צו נאָנט מיט אים.... אָדער אפשר גאָר וועט שמוליק ריינעס אָנקומען פון ערגעץ ווו? ווער קען וויסן די פאַרדרייטע וועגן פון שטן, ווען און ווו און פאַרוואָס ער איז מקטרג!... יאָ, שמוליק איז דאָך עפּעס חיים ריינעסעס זון. ווי זאָגט מע אין כמעלניק: מיט אַ גאָלדן העמערל קען מע שטאָלענע טוירן צעברעכן.... חוץ לזה, איז דאָך שמוליק פעסט געבויט ווי אַ גלאַדיאַטאָר, אַ שוואַרץ חנעוודיק פּנים, קראָ־שוואַרצע האָר, גרויסע שוואַרצע אויגן ווי ביי אַ ים־וואָלף, בליציקע ווייסלעכע אַרום די צאַפּלדיקע שוואַרצאַפּלען, דערצו רעדט ער בעטעמט מיט חן. ער האָט אַסך איינגערלעכע זיכערקייט און ער איז זאָרגלאָז. כמעט אַלע מיידלעך אין דאָרף און אין די אַרומיקע שטעטלעך גייען אויס נאָך שמוליקס שמייכל און בליקן. ער איז אים ניט מקנא. מקנא זיין



איינעם, איז אַ סימן אַז דער איינער שטייט אַסך העכער פון אים. . . . יאָ, יאָ, אַסך מאָל זענען מיר מקנא מענטשן וואָס זענען אַסך אומגליקלעכער פון אונז.... באַזונדער איז שמוליק זיין חבר, אָבער דאָך ווייסט ער, יחיאל, אַז מלכה גייט אויס נאָך אים.... באַזונדער דאַרף מע האָבן מזל, דער גרעסטער חכם בלייבט אַמאָל הינטערשטעליק, ווייל דער קלוגער יאָגט זיך ניט נאָך דעם, וואָס איז אַנגענעם נאָר נאָך דעם, וואָס האַלט אָפּ די אונאַנגענעמלעכקייטן.... און אפשר האָב איך אויך אַ טעות? אפשר גיי איך אויך אויף חרובע וועגן? ?... אָבער דאָך קען איך מיר ניט העלפן, וואָס סע ציט מיך אַזוי צו מלכהן....

ער איז איילנדיק און העשנדיק געלאָפן צו באַגעגענען די חברה וואָס זענען געשטאַנען ביים וואַלדישן ראַנד. ער האָט זיי געזען פון ווייטנס. סע האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן מיט פעלדער, וועלדער, אַ גרופּע באַוועגנדיקע מיידלעך און יינגען. ער האָט קוים געהערט די כיכקנדע געלעכטערן, חנטשע אייזנער האָט עפּעס הויך אויף איר קווישטנדיק קולכל געשריגן: קומטץ שנעל, שנעל.... נו, שוין.... ס׳האָט אים עפּעס אומעטיק געגריצלט אין די אוירן זייער רוישן און רעדעריי. ער האָט שוין געקלערט צוריקצוגיין אין שטעטל אַריין, נאָר סע האָט אים אַ צי געטון ביים האַרצן און ער האָט געקלערט: אַווו איז דאָ דער מענטש וואָס זאָל ניט האָבן צרות פון ליבע? און אפילו אָן ליבע?...

לויפנדיק שנעל האָט ער אַ קוק געטון צום בלאָען זון־שיינענדיקן הימל. קוקנדיק אויף די הימלישע בלאָקייט, האָט ער ווי אומגערנווייליק פאַרשעמט אַ געשריי געטון: אָ, גאָט! פאַרוואָס האָסט דו מיך באַשאַפן אויף חרובע וועגן?...

א חוץ די פרייד פון זומערדיקע זוניקע טעג און ווארעמע אויסגעשטערנטע נעכט, וואס שוימט פול מיט בטחון, בליענדיקער אויפברויז מיט א ניגון אין הארץ, וואס מאכט וועלן פליען צווישן די הימלען. האט זיך ביי יחיאלן, פונקט דאמאלט, באהאלטן אין א נשמה ווינקל, א סודותדיקע בענקשאפט נאך גאר אן אנדער לעבן. ווען ער האט זיך אזוי תמעוואטע פארקוקט אויפן גרינעם דארפישן פייזאזש, האט זיך אים געדאכט, אז אויף אט די דארפישע געפלאכטענע בערי־אזע פלויטן און צעשפרייטע גרינקייט פון די פעלדישע בייטן און טונקל־גריבע געדאכטע ביימער שפיצן, בליט דא עפעס אזא מאדנע אומעטיקייט געמישט מיט א פארבענקטן מעלאנכאלישן בין־השמשות אין אט די מאמענטן האט זיך ביי אים אנגעקליבן א געפיל, פון ניט זיכערקייט, אונרויקייט, פארגרעסערטע ליבע פארלאנגען, געמישט, מיט ניט זיכערן הארץ ציטערדיקן גליק, לאנגווייליקן טרויער, אויפרעגונג פאר עפעס אונבאוווסטעם, דאס אלעס האט זיך ביי אים צונויפגעשמאלצן אין איין ווארט, מיט א טיפן אומגערנווייליקן קרעכץ: אוי, וואס פארא לעבן.

ער האט זיך שיער ניט געעקט, וואס סע קומט אים אויס זיך צו פאר־שפעטיקן און ניט זיין צוזאמען מיט די גאנצע חברה, דאמאלט פילן דעם רייץ פון פרייד, יא; פרייד וואס זאל זיך ראנגלען מיט אגמת־נפש און מיט ניט

באשטימטן ערפּאָלג, נשמה שרעק, מורא פאר אזעלכעס וואס איז אים פרעמד און ברענגט מיט זיך אינערליכע צעריסענקייט און אלערליי אנדערע צרות, וואס ערנידעריקן, באליידיקן, צוריק געשמועסט איז ער שוין פון לאנג אן צוגעוווינט צו מענטשליכע שלעכטקייט און אייביק שאדט עס ניט אים, נאר דעם כלל, ווייל שלעכטס פון א יחיד אפילו, פירט צו חרובע וועגן . . . כאטש קיינער איז ניט פערפעקט און ניט קיין מלאך, אבער דאך איז דאס ערשטע פון ערשטן, צו באהאלטן אינזיך דאס שלעכטע, ער האט געוווסט, אז אסך קלוגער און אינטעליגענטער, איז דער וואס קען באהאלטן זיינע חסרונות, ווי אט א דער אידיאט, וואס ווארפט זיך איבעראל, ווי אקליין פישעלע ביים ברעג, מיט זיינע פיטשינקע מעלות.

(המשך)

ש. י. דארפזאן

## היימישע ענינים

(ישראלדיקע סטודענטן אין ענגלאנד האבן פיינט די „איטשע מאיר" יידן)

א.

אויף די ענגלישע אוניווערזיטעטן אין לאנדאן, לידז, מאנטשעסטער, גלאזגוי, און אין אנדערע שטעט, שטודירן לערך 350 ישראלדיקע סטודענטן און סטודענטקעס, וואס האבן אויף זייער יערלעכער גענעראל־פארזאמלונג (אפּגעהאלטן אין לאנדאן, מיט עטלעכע וואכן צוריק), אנגענומען א זייער שארפע רעזאלוציע קעגן דעם היגן ישראל־קאנסול, באשר ער האט א „הארץ פון א גזלן", ווייל ער גיט זיי ניט די געהעריקע „מאטעריעלע אונטערשטיצונגען" פון די געלטער (שילומים־געלטער ?), וועלכע ער באקומט, מכלומרשט, פון אויסלאנד, לטובת זייערע סטיפּענדיעס.

ווילן מיר זיך ניט אריינלאזן אין א חקירה, אויב דער ישראל קאנסול אין לאנדאן באקומט פאקטיש געלטער פון אויסלאנד, לטובת די ישראלדיקע סטודענטן אין ענגלאנד, און אויב עס איז בארעכטיקט דער אויף אים אויסגעטראכטער בלבול, אז „ער האט א הארץ פון א גזלן".

וואס אונדז אינטערעסירט יא איז די פראגע, אויב די 350 ישראלדיקע סטודענטן מוזן דווקא שטודירן אויף די ענגלישע אוניווערזיטעטן ? אויב זיי קאנען ניט אויסלערנען זייער תורה אויף דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים, אדער אויף די הויך־אנטוויקלטע טעכנישע הויכשולן אין חיפה ?

און א צווייטע שאלה:

האבן די 350 ישראלדיקע סטודענטן „עולה" געווען קיין ענגלאנד מיט דער הסכמה פון ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטער, אדער זיי זענען דא אהערגעקומען פּרייוויליק ווי ניט געבעטענע אורחים, כדי באגליקט צו ווערן מיט א דיפּלאָם פון די אוניווערזיטעטן אין ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקע און אין אנדערע גלות־לענדער.

דער איבערוויגנדיקער רוב פון די ישראלדיקע סטודענטן און סטודענטקעס, פראווען דא ביטערע תעניתים! זיי זענען מוראדיק פארביטערט אויף די



ענגלישע יידן, צו וועלכע זיי האבן אן א שיעור טענות און מענות, אז זיי פאראינטערעסירן זיך ניט מיט זייער ביטערן, מאטעריעלן מצב, וכדומה.

דיזעלבע ישראלדיקע סטודענטן, וועלכע באטראכטן זיך פאר גרויסע יחסנים, ווי זיי וואלטן געווען די „אויסדערוויילטסטע", ווילן נישט האבן קיין שום מגע־ומשא מיט די „איטשע מאיר" יידן פון די תפוצות.

די ישראלדיקע סטודענטן האלטן ניט אן קיין שום געזעלשאפטלעכן קאנטאקט מיט די ענגלישע יידן ; מ'זעט זיי ניט אויף די פארשיידענע־איינגעשלאסן ציוניסטישע מסיבות־וואס קומען דא פאר לרוב. אבער געלט ווילן זיי יא נעמען פון דיזעלבע „איטשע מאיר יידן", וועלכע זיי האסן, ממש, ווי זיי וואלטן געווען אומווירדיקע, מיט וועלכע ס'איז ניט כדאי צו האבן קיין שום געזעלשאפטלעכן קאנטאקט.

מיר ווילן זיך ניט אננעמען דעם כבוד פון די ענגלישע יידן, קעגן וועלכע עס איז דא זייער אסך אויסצוזעצן. אבער ניט ווייניקער איז אויך דא וואס אויסצוזעצן אויף די ישראלדיקע סטודענטן גופא און אויף זייער „כנענים" — איינשטעלונג צו די „איטשע מאיר" יידן אין די גלות־לענדער.

די יידיש־גייסטיקע אינטעליגענץ איז אמאל געווען דער אוואנגארד פון דער יידיש־נאציאנאלער און קולטורעלער אויפלעבונג פון אונדזער פאלק. צום באדויערן קאן מען דעם דאזיקן זכות ניט אנווענדן לגבי דעם רוב פון די ישראלדיקע סטודענטן אין ישראל גופא, און אין ענגלאנד. זייער איינציקע שטרעבונג איז, — געהאלפן צו ווערן מיט א דיפּלאָם פון אן אויסלענדישער אוניווערזיטעט, וואס זאל זיי דינען ווי א סגולה פאר זייערע קאריעריסטישע — און מאטעריעלע — אויפשטייגן, אויפן לייטער פון זייערע אקאדעמישע פּראפּעסיעס . . .

ס'איז בכלל א פראגע, אויב דער מאסנהאפטער געלויף פון די ישראלדיקע סטודענטן קיין ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקע און אנדערע אויסלענדישע אוניווערזיטעטן איז א געזונטער פאר דער יידישער מדינה ? אויב אונדזער לאנד וועט אימשטאנד זיין מפרנס צו זיין אזא גרויסע צאל „אקאדעמישע אינטעליגענץ", וואס איז ווייט ניט אין א פּראָפּאָרץ מיט דער צאל איינוווינער פון מדינת ישראל.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

## א. נ. שטענצל

### דער אסטראָוצער

(די לעצטע רבישע־דינאַסטיע)

יעדע תוספות קשיא געקענט ענטפערן,
יעדן מהרש״א און מהר״ם אָפרעגן;
בלויז, ווען ער איז געקומען צום גמרא־מאמר,
אַז אַ שמינית שבשמינית גאוה מעגן,

די תלמידי־חכמים אפילו האָבן,
האָט אין אים גענומען רעכענען און ציילן;
משוגע־ווילד זיינען ציפערן געלאָפן,
צרופים און גמטריאות ווי שרפים איילן.

עס האָט דער אָסטראָווצער אויסרעכענען געקענט,
וויפיל טראָפן אינם ים פאַראַנען זיינען,
וויפיל שטערן אין הימל און זעמדלעךביים ברעג,
יאָ, וויפיל טרערן אַ מענטשס האַרץ קאָן אויסוויינען.

איז ער געזעסן, נישט געשלאָפן, נישט געגעסן,
אויסצוחשבונען דעם חשבון־הנפש:
ווער בין איך? עפר ואפר איז יעקב געווען,
איך, אַ טיפה סרוחה, אַ קרישקעלע רפש;

„אנכי תולעת ולא איש״, האָט דוד
דער נעים זמירות ישראל געקענט זאָגן — — —
עס קלאָגן חצותדיק אין אים פינסטערע נעכט,
עס וויינען תהילים׳דיק איבער אים פאַרטאָגן,

און געענוי דעם שמינית שבשמינית־כפל,
בכל־אופן נישט געקענט אים אַרויסקריגן.
ער שמייכלט: „האיש משה עניו מאוד״,
דאַכט זיך אַרום מיין נאָז זשומען שוין די פליגן...

אַ תלמיד חכם? כ׳דרעפטשע אין דער גמרא —
אַ ווילד יינגל וואָס דרעפטשעט אין דער בלאָטע!
איי, זיי האָבן מיך אָנגעטון — „שיין אָנגעקלייד״!
אין סטראָקעס און אין אטלעסענער קאַפּאָטע — — —

ס׳איז דער לעצטער גאון פון מדינת פוילן,
פערציק יאָר אַ פאַרמוחטער אין זיך געזעסן,
אַ חשבון־הנפש אַרויסצוגעפינען — —
פאַרטיפט אַזוי, צומאָל אין עסן פאַרגעסן.



אַזוי איז נאָך אויף דער ערד, אַן ערשטער־לעצטער,
אויף מלכות־שמים־שטול אַראָפּגעברענגטן,
אַ מלאך־אלוקים געזעסן, און זיין זון
רוצחים אים שוין געהייליקט — אַן אויפגעהענגטן.

### די אדלער־דינאַסטיע...

צום בוך „ווייטשעפל״

„אדוני נתן״ און „אדוני לקח
יהיה שם אדוני מבורך״ — —
דער ערשטער נאָך אַ תלמיד־חכם געווען,
דער לעצטער שויך אַ בלויזער קורח.

דער פאָטער נאָך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט
אין זיין פרעדיק פון „חתם־סופר״.
דער זון דערהערט אַמאָל פון עזרת־נשים
ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר,

אַ פּרוי פון „מענה־לשון״ אַרויס זאָגן,
היימיש אַזוי, מיט טראָפּ און ניגון,
האָט ער זיך אים, דער שטן, אין האַלז געלייגט,
און זיך „למנצח״דיק צעשריגן:

„דאַס פאַרפלוכטע געמאושל, די אָסט־יודן!״
עס האָט אים געשוימט פאַר די ליפּן;
די פּרוי דערהערט דעם, אָרטאָד׳אָקס־געפּתח,
האָט נאָך העכער גענומען כליפּן.

מילא, וואָס אַלץ ס׳קאָן אַ שוואַכע יידענע,
אַזוי מאוס נעבעך איבערשרעקן;
אָבער פון איר געוויין איז אים זיין פרעדיק,
אַ ביין אין האַלדז געבליבן שטעקן.

מעשה־שטן, געהטע ליגט אים אויף שפּיץ־צונג,
בלויז פּאָפּעריק זיין גאַנץ באַמיען — —
וואָלטן סינאַגאָגן גלאָקן שוין געהאַט,
ער וואָלט זיי געהייסן איצט ציען — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער ערשטער אַריינגעוואָרפן נאָך אַ וואָרט,
אין זיין פרעדיק פון „חתם־סופר״;
דער לעצטער ציטירט שמאַלציק שילער׳ס „גלאָקע״
ראש־השנה פאַר תקיעת־שופר.

און אין יענער נאַכט, ווען טעאָדאָר הערצל
איז פון די ווייטשעפּעלער יידן,
ווי אַ קעניג אויפגענומען געוואָרן,
גאַנץ פאַרלוירן זיין „זעעלען־פרידן“ :

„די שניידער געזעלן !“ ווי זיין האַרץ וואַרפט זיך,
עפּעס רייסט זיך אָפּ אין אים, ס׳גוססעט :
ער שפּירט, פון אונטער זיינע בישאָף־שטיוול,
די דינאַסטיע ריטשט זיך אַרויסעט.

## נחום סאָקאָלאָוו און אחד העם

אַהערגעקומען דאָ וויסאָצקיס טיי פאַרקויפן ?
אַ פאַרשיקטער אויף אינזל פון ים־הקרח ?
דער ברענער, באַן־אַפּאַרט, האָט זיך אַרויסגעריסן,
איך — לעבעדיק באַגראָבן על־אם־הדרך.

קוועטש יין־צמוקים אין לשון קודש־פּסוקים,
פון די תורות פון ספּענסער, דאַרווין און באָקל.
ער בלייבט זיצן אַ פאַרגליווערטער, ס׳האַרץ בלייבט אים שטיין,
ער שפּירט : זיין קאָפּ גיט אַ מין רבישן שאָקל.

וואָלט איך כוח געהאַט אַנשטאָט אין אָפיס צו גיין,
אין אַ ווייטשעפּל קלייזל מיך צו פאַרקריכן,
פון קיינעם נישט דערקענט, זיצן איבער אַ זוהר,
ברומען אַ ניגון און וואַרטן אויף משיחן,

די היברו־טישער, דעם גלאַנץ אין זייערע אויגן,
אפשר וואָלט אים מענדעלע געקענט באַשרייבן !
זיי לערנען עברית מיט פרעמדע און זיי גלייבן, אַז
זייערע קינדער וועלן שוין ענגלענדער בלייבן.

„לא זו הדרך“ ! צו מיר אַליין שוין אויסשרייען,
אָפּצוראַטעווען מיינע אויגענע קינדער — —
ווישט ער כסדר די שייבלעך פון זיין בינאָקל,
בלינצלט צעבליקט „מ׳זיין בעטלערס“ דער בלינדער.

ווער ווייסט ווילאַנג ער איז אַזוי געזעסן פאַרקלערט,
נאָר אַ חונה־מעגל קאָן אַזוי לאַנג טראַכטן !
פּלוצלינג עפנט זיך אויף די טיר, אין איינע פון די
לא יום ולא לילה נעפּלדיקע פאַרנאַכטן —



אין צילינדער, אין פראַק, אַ בלום אין זיידענעם לאַץ,
ווייסע הענטשקעס, זילבער באַגאַלקעט דער שטעקן,
ביידע אין איין האַנט, די צווייטע מעשה דיפּלאָמאַט,
מיט זיגל־רינג אויף פינגער פלינק אויסצושטרעקן.

אַזוי איז ער, סאָקאָלאָוו, גלייך פון שיף אַראָפּ,
אין דער וויסאָצקי פירמא אַרויפגעקומען ;
אחד העם פון אָפּיס־שרייבט־טיש שנעל שטעלט זיך אויף,
במתונות דעם בינאָקל אַראָפּגענומען.

פון אינטער הויכן שטערן קוקט ער פאַרטיפט אַרויס,
„הזאת ? . . .“ ער קאָן מיטן שכל נישט באַגרייפן :
מילא אַ צילינדער, אַ פראַק, מען טוט זיך אָנעט,
אָבער איינשלינגען אַן ענגלענדער, אַ שטייפן ?

זיי קוקן זיך איבער, איבער אַ טיפן תהום !
על רגל־אחת זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען :
אַלע אייזערנע בריקן שוין איינגעבראָכן,
די פּאַפּירענע שנעל איצט אַריבערשפּאַנען.

„אשר“, שמייכלט ער : „אַלץ מוזן מיר אויסלערנען,
נישט בלויז פון ביכער פון עפּעס אַ יום, באָקל ;
ווייסט, פאַרוואָס אַרויפגעשפּרונגען צו דיר ? פאַרגעסן,
אויף זיידן שנירל באַמבלדיקן בינאָקל — —

בין אויף אַ געהיימען באַזוך צו לאָרד באַלפורן,
לענגער געוואַרט אויף אים, ווילאַנג ער וועט דויערן ?
מיין בריל ליגט אַן „עירוב“ איבער מיינע ספרים, ביז
מיר וועלן שטיין פאַר ירושלימס טויערן — — —

„נחום, ס׳טייטש, אפשר פאַסט דיר גאָר נישט מיין בינאָקל“ ?
„נישט צו די אויגן, ס׳מוז פאַסן צו די בגדים“,
שמייכלט סאָקאָלאָוו : „האָט נישט גאָט אַליין אַ מלבוש,
אים אויפגענייט, אַז אַ מענטש ס׳זאָל ווערן אדם“.

ווען ער איז אַרויס, אחד העם געבליבן שטיין,
„על פרשת דרכים“ איבער שרייב־טיש געבויגן ;
פון גלאַנץ פון די ארויסיאגנדיקע לאַקיר־שיך,
אַ טרער געבלענדט אים די קורץ־זיכטיקע אויגן.

אַ מין שמייכל פאַרציט דינער זיינע ליפּן :
זיין בריל ליגט אַן „עירוב“, מיינע צוגענומען,
אפנים טאַקע, „יתי ולא אחמיניה“ . . .
מילא, אַבי זאָל ער מיט מזל שוין קומען.

## דר. חיים ווייצמאַן

(ביים כאל־מלא־רחמים אין דיוק־פליים־שול 1943)

טויזנטער יידן, אינעווייניק, אין דער שול,
און טויזנטער, דרויסן, אַרום די מויערן ;
אַן אָנגעפולטער בעכער פון צער איבערגייט :
„עד אנה”, ווי לאַנג נאָך וועט עס דויערן ?

נישט נאָר אַ באַוויינען די מיליאָנען קדושים,
יתומים זייער אייגן לעבן באַדויערן.

פלוצלינג אַ שטילקייט, אַז די האָר שטעלן זיך אויף,
אַלע וויינענדיקע אויגן אויפגעהויבן :
צום פתיחת־הארון, צום כאל־מלא־רחמים,
עס גייט ווער אַרויף צום ארון־קודש אויבן — —

יאָ, צו גאָט אַליין שוין גייט מען מיט אַזאַ טראָט,
אַ פעסטן, אַ שטאַרקן, אַ פולן מיט גלויבן.

„אל מלא רחמים — —” אַ וואַלד אין ווילדן שטורעם,
ביז צו די וואָרצלען בייגן זיך איין די שטאַמען !
עס ברעכט אויס געוויין, אַז די ווענט פאַלן איין,
דער דרינען, דער דרויסן גיסן זיך צוזאַמען —

ביים אָפענעם קבר שטייט דער עלטסטער ברודער,
אַרום אים די יתומים אָן טאַטן, אָן מאַמען.

דעם גאַנג צוריק אַלע בליקן קוקן אים נאָך,
מען הערט צו דער ערד פאַלן די טרערן־טראָפן ;
די מאַיעסטעטישע שטילקייט — צער־שבצער !
צען טויזנט הערצער דעם טריטטאַקט מען הערט קלאָפן —

אַזוי ציט אַ קעניג אַרויס ! פאָראויס,
מחנות רויטער סאָפן אין פלינקסטע גאַלאָפן.

די ברידער־קברים, לעבעדיק באַגראָבענע —
דאָס חייל דרויסן, וואָס אין די היילן לויערן !
אַז מען ציט אַרויס שוין צום לעצטן געראַנגל,
ווער ציילט די טויטע, ווער ווייסט וויפיל פאַרלוירן ?

מיט צעפאַקלטע שייטער־הויפנס פייערט מען,
דעם נצחון פאַר ירושלימס טוירן.



י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים

### א.

אין די תלמודים איז א חילוקי דעות איבער דער פראגע, וועלכע פון די נביאים דארף מען אנרופן די לעצטע ? לויט איין מיינונג ווערן חגי, זכריה און מלאכי אנגערופן די לעצטע נביאים, ווייל מיט זיי האט זיך די נבואה עפאכע געענדיקט. אבער אזוי ווי ירמיה און ברוך בן נריה ווערן אנגערופן די מיטעלסטע נביאים, (ירושלמי סוטה פ״ט הי״ב) דארף מען אויך כולל זיין אין די לעצטע נביאים דעם נביא יחזקאל, וואס האט געלעבט אין דער צייט פון חגי, זכריה און מלאכי, ווי אויך ישעיה הנביא, דעם טרייסטער.

דער ערשטער פון די חכמים איז אויפגעשטאנען אין דער צייט פון יחזקאל הנביא. דאס ווייזט זיך ארויס פון יחזקאל׳ס שטראף־רייד צו דעם פירשט פון צור : פעניציע, ער האט צו אים געזאגט : „דו ביסט א מענטש, ניט א גאט, דאך טראכסטו אין דיין הארץ אז דו ביסט אלמעכטיק. ביסט מער חכם פון דניאל, קיין פארבארגעניש האט מען פון דיר פארהוילן. מיט דיין קלוגשאפט און פארשטענדיקייט האסטו דיר אנגעשאפט א פארמעגן, אנגעפילט דיינע אוצרות מיט גאלד און זילבער” . . . (יחזקאל כ״ח) דניאל׳ס חכמה איז באשטאנען פון עפעס אנדערש, ער האט אויסגעטייטשט די געזעצן פון תורת משה, און די וואס טייטשן אויס די געזעצן פון תורת משה ווערן אנגערופן חכמים. אמת דער גאנצער ספר דניאל איז פול מיט נבואה׳שע חזיונות, אבער, ווי די מפרשים דערקלערן, האט מען אים ניט געשיקט פון הימל ער זאל נביאות־זאגן, נאר ער זאל לערנען דאס פאלק. (מגילה ג׳, רש״י) דערפאר איז אין סדר פון תנ״ך דער ספר דניאל אין די כתובים, ניט אין די נביאים.

דניאל איז געווען א יונגערמאן ווען ער איז געקומען קיין בבל מיט דעם מלך יהויקים און די פארטריבענע פון מלכות יהודה. אים און אנדערע דריי יונגעלייט — חנניה, מישאל ועזריה — האט מען אויסגעוויילט צו ווערן דערצויגן אלץ הויף־מענטשן פון באבילאנישן מלך. דניאל האט זיך פארגענומען ניט צו פאראומרייניקן זיך מיט ברויט און זעמל אדער ווייך און אייל פון דער קעניגליכער קוך. ער האט דעריבער געבעטן דעם אויפזעער, ער זאל אים און זיינע חברים געבן צו עסן רויע גרינצייג און צו טרונקן וואסער. (דניאל א׳) צו דער איסור קעגן דעם עסן און טרונקן פון גוים איז געווען דניאל׳ס אן אויסטייטשונג פון תורת משה, אדער ער האט געמאכט א סייג : אן אפצוימונג, כדי די יידן אין גלות זאלן ניט עסן און טרונקן מיט די באביליאנער און אסימילירט ווערן, אזוי ווי די חכמים האבן נאענט פארן צווייטן חורבן פארבאטן ברויט, וויין און אייל פון גוים כדי צו פארמיידן אסימילאציע, איז שווער צו זאגן, יעדנפאלס זאל ער האבן געווען דער ערשטער וואס האט פארבאטן דאס געבעקס און געטרונק פון גוים. (עבודה זרה ל״ו.)

יחזקאל הנביא דערפאר געהאלטן, אז דניאל איז איינער פון די דריי גרעסטע צדיקים וואס די וועלט האט געהאט. די דריי צדיקים זענען לויט אים געווען, נח, דניאל און איוב, (יחזקאל י״ד) אבער די פריערדיקע נביאים זענען ניט אין גאנצן איינשטימיק געווען מיט די אויסטייטשונגען פון די חכמים. ירמיה הנביא האט זיי געשטראפט — „איכה תאמרו חכמים אנחנו״: ווי קענט איר זאגן חכמים זענען מיר און די תורה פון אלמעכטיקן איז אונזער תורה, ווען אין אמתן האט איר זי פארפעלשט מיט די פאלשע פען פון שרייבער. (ירמיה ח׳) אפשר דערפאר האבן שפעטער די חכמים זיך נוקם געווען אין די נביאים, זאגענדיק, אז די מדרגה פון חכם איז העכער ווי פון נביא. אין איינע פון זיינע זעאונגען זאגט דניאל: „איך דניאל, אליין האב געזען די זעאונג און די מענטשן מיט מיר האבן ניט געזען, נאר א גרויסע שרעק איז אויף זיי געפאלן, זענען זיי אנטלאפן און זיך באהאלטן. (דניאל י׳) פרעגט די גמרא — ווער זענען געווען די מענטשן? און זי ענטפערט — די נביאים חגי, זכריה און מלאכי. דאס הייסט: די נביאים האבן ניט געקאנט זען די זעאונג וואס דער חכם האט געזען, (מגילה ג׳) און דאס גרויסן זיך איבער די נביאים איז שוין געבליבן ביי די חכמים. איינער פון זיי האט שפעטער געדרשנט, אז נאכן ערשטן חורבן איז די נבואה צו גענומען געווארן פון די נביאים, ניט פון די חכמים, און א צווייטער האט אפילו געטראכט צו באווייזן, אז די נבואה וואס מען האט צוגענומען פון די נביאים איז געגעבן געווארן צו שוטים און קינדער. (בבא בתרא י״ד).

ווען דניאל און זיינע חברים זענען שוין געווען דערהויבן צו דער מדרגה פון מיניסטארן, איז ארויסגעגאנגען א באפעל פון קעניג, אז יעדער איינער פון פאלק מוז קניען און זיך ביקן צו דעם צלם פון גאלד, וואס ער האט אויפגעשטעלט. אבער מחמת אין דעם קאפיטעל פון ספר דניאל, ווו די געשיכטע איז איבערגעגעבן געווארן, ווערט דניאל ניט דערמאנט, נאר אליין אז חנניה, מישאל ועזריה, די חברים פון דניאל האבן זיך ניט געוואלט ביקן צום צלם, האט מען זיי דערפאר ארייגעווארפן אין קאלך־אויוון צו פארברענען, (דניאל ג׳) פרעגט מען אין דער גמרא, ווו איז דניאל געווען? ענטפערט איינער פון די חכמי התלמוד, אז נבוכדנצר, דער מלך פון בבל, האט אים געהאט געשיקט קיין טבריה צו גראבן א טייך, א צווייטער באהויפטעט, ער איז געשיקט געווארן קיין אספתא איינצוקויפן גרינצייג, א דריטער זאגט, ער איז געגאנגען קיין מצרים צו ברענגען פון דארט חזרים און אנדערע דערקלערן, ער איז אנטלאפן. (סנהדרין צ״ג) וואס הייסט אין פשוטע ווערטער, אז מען ווייס ניט ווו דניאל איז געווען.

עס איז אבער פאראנען א מדרש ווו די מעשה ווערט אנדערש איבערגעגעבן. — ווען דער מלך פון בבל האט ארויסגעגעבן די גזרה זענען חנניה מישאל ועזריה געקומען צו דניאלן און אים געפרעגט, צו זיי זאלן זיך ביקן צו דעם צלם אדער ניט? האט ער זיי געענטפערט — איר האט דאך א נביא, פרעגט אים וואס איר זאלט טוען. זענען זיי געגאנגען צו יחזקאל הנביא און אים



געפרעגט די שאלה. האט זיי יחזקאל געענטפערט—זיי זאלן זיך ביקן צום צלם און ניט אוועק געבן זייער לעבן. (שיר השירים רבה פ״ז י״ג) פון וואס מען איז בארעכטיקט צו דרינגען אז דניאל איז געווען אין בבל און האט זיך געביקט צום צלם.

א באווייז פאר דעם אויספיר, אז דניאל איז געווען אין בבל און האט זיך געביקט צום צלם, געפינט מען ווען מען פארטיפט זיך אין דעם זעקסטן קאפיטל פון ספר דניאל. דארט ווערט דערציילט, אז די פירשטן מיניסטארן און הערן פון דריוש, דער מלך פון מדי, האבן מקנא געווען דניאלן, ווייל דריוש האט אים באשטימט צו זיין איינער פון די דריי פרעמיער מיניסטארן אין דער מדי׳שער אימפעריע. זענען זיי געקומען צו דריוש׳ן און געבעטן, ער זאל ארויסגעבן א באפעל, אז אין די קומענדיקע דרייסיק טעג זאל קיינער ניט פון זיינע אונטערטאנען תפילה טוען צו הייליקע בילדער אדער צו הייליקע מענטשן, אחוץ צו אים, און ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם געזעץ זאל ארייגעווארפן ווערן אין גרוב פון לייבן. ווען דניאל האט געהערט אז דער געזעץ איז געחתמט געווארן, איז ער אריינגעגאנגען אין זיין היז, האט דריי מאל אין טאג געקניעט, תפילה געטוען און אפגעגעבן א לויב צו זיין גאט אין ירושלים, אזוי ווי ער פלעגט טוען פריער. (דניאל ו׳).

פרעגט זיך, אויב דניאל איז אנטלאפן בעת נבוכדנצר מלך בבל האט ארויסגעגעבן די גזרה מען זאל זיך ביקן צו זיין צלם, פארוואס איז ער ניט אנטלאפן וועגן דעם באפעל פון דריוש מלך מדי? דריוש וואלט אים דאס זיכער דערלויבט צו טוען, ווייל ער האט אים אזוי הויך געשעצט, אז אפילו נאכן עובר זיין אויף זיין באפעל האט דריוש געזוכט צו באפרייען אים פון דער שטראף. (דניאל ו׳) אחוץ דעם, דאס מאל האט דניאל געקאנט בלייבן אין לאנד, ווייל עס איז ניט געווען א גזרת שמד, וואס לויטן דין מוז מען זיך לאז אומברענגען אפילו „לשנויי ערקתא דמסנא״: ווען די גוים פארלאנגען בלויז מען זאל זיך אנדערש צו שנורוון די שיך. (סנהדרין ע״ד) דריוש האט באפוילן — אז אימעצער וועט תפילה טוען אין די קומענדיקע דרייסיק טעג זאל דער געבעט געריכט ווערן צו אים. האט דניאל געקאנט לערנען תורה, אנשטאט דאווענען, אדער בעטן אין הארצן צו זיין גאט, פארוואס האט ער בכיוון עובר געווען אויף דעם געזעץ פון דריוש׳ן?

מען מוז דעריבער אננעמען, אז לויט דער מיינונג פון דניאל איז דאס ביקן זיך צו צלם פון נבוכדנצר ניט געווען אזוי הארב ווי תפילה טוען צו דריוש׳ן, ווייל דניאל האט געהאלטן אז דער צלם איז א סימבאל פון אלמעכטיקן׳ס אייגנשאפטן, אזוי ווי אהרן האט געדענקט וועגן עגל מסכה, די ערשטע נביאים וועגן פסל מיכה און דער נביא אחיהו השילוני וועגן די עגלי זהב. הגם די גוים האבן פארגעטערט דעם צלם, געזען אין אים א פערזאניפיקאציע פון אלמעכטיקן, האט א ייד זיך געקאנט ביקן צו אים און אין זינען האבן אז ער ביקט זיך צו אן אייגנשאפט פון יהוה, ווי אהרן האט בעתן בויען דעם מזבח צום עגל געזאגט: מארגן וועט מען פייערן א יום טוב צו יהוה, (שמות ל״ב) און די מוטער פון

מיכה האט געזאגט: איך האב געהייליקט דאס געלט צו יהוה צו מאכן א פסל ומסכה. (שופטים י״ז) דריוש, אבער, איז געווען א מענטש, און קיינער האט ניט געהאלטן אז א מענטש איז א סימבאל פון אלמעכטיקן'ס אייגנשאפטן, מען האט געגלויבט אז אמענטש איז א טייל פון אלמעכטיקן אדער א זון פון אלמעכטיקן, און דאס תפילה טוען צו דריוש'ן האט געדארפט באשטעטיקן דעם גלויבן אין זיין געטליכקייט. דעריבער איז דניאל אריינגעגאנגען אין זיין הויז און האט בכיוון עובר געווען אויפ דעם געזעץ פון דריוש'ן, צו ווייזן די יידן אין גלות אז מען טאָר ניט פארגעטערן א מענטש.

פארשטייט זיך מען וועט פרעגן, ווי אזוי איז געקומען דערצו אז די יידן אין גלות בבל זאלן אויפגעבן דעם בילדער־קולט? (סנהדרין צ״ג) ווערט דערציילט אין אן אגדה: ווען די יידן האבן זיך צוריקגעקערט נאך ירושלים פון גלות בבל זענען זיי ניט צופרידן געווען, ווייל דער יצר הרע פון עבודה זרה איז מיט געקומען. האבן זיי געשריגן — וויי, וויי, ווער עס האט חרב געמאכט דעם בית המקדש, פארברענט דעם היכל, אומגעבראכט אלע צדיקים, פארטריבן ישראל פון זיין לאנד און ער טאנצט נאך צווישן אונז... האבן זיי געפאסט דרייסיק טעג און נעכט, האט מען פון הימעל איבערגעגעבן דעם יצר הרע פון עבודה זרה אין זייערע הענט... האבן זיי ניט געוווסט ווי אזוי זיי זאלן אים אומשעדלעך מאכן, האט זיי דער נביא געגעבן אן עצה, זיי זאלן אים אריינוווארפן אין א רער פון בליי און איר פארלייטן פון ביידע זייטן מיט בליי, כדי מען זאל אים ניט הערן. אבער, ווי אויבן אנגעוויזן, דער תירוץ איז אן אגדה. (יומא ס״ט.)

דער היסטארישער אמת איז, אז אין יענער צייט האבן אויך אנדערע פעלקער אויפגעגעבן דעם בילדער־קולט, העראדאטוס, דער גריכישער היסטאריקער וואס האט געלעבט ארום הונדערט און פופציק יאר נאך דער באפרייאונג פון גלות בבל, שרייבט: „ווי איך ווייס, ווערן די ווייטער אנגעגעבענע מנהגים אפגעהיטן ביי די פערסיער. זיי האבן ניט קיין אפבילדער פון געטער, קיין טעמפלען און קיין מזבחות, ווייל זיי גלויבן אז געטער האבן ניט די נאטור פון מענטשן אדער חיות. („די געשיכטע פון העראדאטוס״, בוך 1, קאפ. 131) און דער רוימישער היסטאריקער פלוטארך שרייבט: „נומא, (א רוימישער פירער פון יענער צייט) האט די רוימער פארבאטן פארצושטעלן גאט אין פארעם פון מענטשן אדער חיות״. (פלוטארך „לעבענס״ בוך 1, ז. 99) די סיבה פון דעם איז אוודאי געווען די עוואלוציע אין דער שריפט, דער בילדער־קולט האט זיך אנגעהויבן אין אלטן מצרים, ווייל די היעראגליפישע שריפט פון די אלטע מצריים האט אויסגעדרוקט אידעען אין בילדלעך, האבן זיי די געטער פארגעשטעלט אין בילדער, אנשטאט צו באשרייבן די אייגנשאפטן פון די געטער מיט ווערטער, איז דארט אנטשטאנען דערפון דער בילדער־קולט, און פון דארט האט ער זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער וועלט. מיט דער צייט זענען די בילדלעך פון די אלטע שריפטן רעדוצירט געווארן צו אותיות. האבן די ניי אויפגעקומענע פעלקער אויפגעגעבן דעם בילדער־קולט און באשריבן די אייגנשאפטן פון זייערע געטער מיט ווערטער.



פארשטייט זיך, צווישן די יידן זענען געווען א געוויסע צאל געלערנטע מענטשן וואס האבן זינט דער צייט פון משה רבינו באקעמפט דעם אלטן מצרישן בילדער־קולט, זיי זענען אבער צו שוואך געווען אויסצורייסן דעם געדאנק פון די פרומע, אז די אפבילדונגען פון די יהוה אייגנשאפטן פארשטארקן די אמונה אין יהוה, דעריבער איז ערשט, ווען כורש מלך פרס האט צעשמעטערט בבל, געקומען דער סוף צום בילדער־קולט ביים יידישן פאלק. זייענדיק אונטער דער ממשלה פון די פערסיער, וואס האבן אויסגעלאכט די נאַיוויטעט צו גלויבן אז בילדער פון מעטאל, שטיין אדער האלץ זענען בכח צו העלפן א מענטש פון זיין נויט, האט מען פון די יידישע הייזער גיך משלח געווען די אלטע געירשנטע בילדער צוזאמען מיט די ניי איינגעקויפטע.

אבער הגם דער פערסיעשער גלויבן האט ניט געהאט קיין בילדער פון געטער, קיין טעמפלען און קיין מזבחות, איז ער ניט געווען א מאנאטעאיסטישער גלויבן. און ווי יעדער גלויבן, וואס איז ניט אבסאלוט מאנאטעאיסטיש, האבן זיי א געטער משפחה פון פארשידענע מדרגות. ווייל אויב דער אלמעכטיקער האט ניט באשאפן די חושימדיקע עקזיסטענץ, נאר זי איז פון אים אנטשטאנען, מוז דער מקור פון אלעס צוטיילט ווערן אין צוויי, אין א גוטן גאט און א שלעכטן. אין תוכן איז דער פערסיעשער רעליגיעזער סיסטעם געווען גלייך צום אלט־מצרישן, דער אונטערשיד צווישן זיי איז נאר געווען דער בילדער־קולט. די מצרישע פריסטער האבן פארגעשטעלט די געטער משפחה אין בילד און די פערסיעשע פריסטער זענען געווען אין דער מיינונג אז די נאטור פון געטער איז ניט אזוי ווי פון מענטשן אדער חיות האבן זיי געשילדערט די אויסער געוויינליכע אייגנשאפט פון די געטער מיט ווערטער.

אין די הייליקע ביכער פון זאראאסטער, דער גרינדער פון דעם פערסישן־קולט, זענען פארצייכענט עטליכע שילדערונגען פון זיינע זעאונגען. וועגן דער ערשטער אנטפלעקונג שרייבט ער: „ביים ברעג פון טייך דאיטי אין אדארבידזשאן, וואס צוטיילט זיך אין פיר שטראמען, האב איך פלוצים דערזען דערשיינען דעם מלאך „ווא־הומאן״: די אייגנשאפט פון „פארשטאנד״ קומענדיק צו מיר פון דרום זייט. ווען ער האט זיך דערנענטערט צו מיר האט זיך זיין געשטאלט רעאליזירט אין א פיגור פון אומגעהוירע פראפארציעס, ניין מאל די גרויס פון א מענטש. ער האט מיך געבעטן איך זאל אראפוווארפן פון מיר מיין אויסערליכן לבוש, מיין קערפער, ווען איך דאס געטוען האט ער געפירט מיין נשמה צו דער גלאריעזער און שיינענדיקער אנוועזיקייט פון דעם גוטן גאט „אוהארמאזד״ און זיינע מלאכים״. (דזשעקסאן „זאראאסטער״ ז. 41).

אין יענער צייט האבן אויך יידישע נביאים געהאט ענליכע אנטפלעקונגען, ישעיה הנביא דערציילט: „אין יאר ווען מלך עזיהו איז געשטארבן האב איך געזען דעם האר גאט זיצן אויף א הויכן און דערהויבענעם טראן, זיינע ברעגן האבן אנגעפילט דעם היכל. שרפים זענען געשטאנען איבער אים; צו זעקס פליגלען האט איטלעכער געהאט: מיט צוויי האט ער פארדעקט זיין פנים, מיט צוויי האט ער פארדעקט זיינע פיס און מיט צוויי איז ער געפלויגן״...

(ישעיה ו׳) אויף דער זעאונג פון ישעיה הנביא זאגן די קריטישע דענקער פון תלמוד, אז ישעיה האט אריינגעקוקט אין א פארנעפעלטן שפיגל האט ער געמיינט אז ער זעט דעם אלמעכטיקן, אין אמתן האט ער ניט געזען, ווייל משה האט געזאגט — ניט זען קאן א מענטש דעם אלמעכטיקן און בלייבן לעבן. (יבמות מ״ט.)

אבער דעמאלט איז געווען די עפאכע פון זעאונגען, יחזקאל הנביא שרייבט: „ווען איך בין געווען צווישן די פארטריבענע ביים טייך כבר, האבן זיך געעפנט די הימלען און איך האב געזען זעאונגען פון אלמעכטיקן... איך האב געזען א שטורם־ווינט איז אנגעקומען פון צפון, א גרויסער וואלקן מיט א פלאקעריקן פייער... אין מיטן דערפון איז געווען די געשטאלט פון פיר חיות... איבער די קאפ פון די חיות האב איך געזען די געשטאלט פון א הימעל... און אויף דעם הימעל איז געשטאנען א טראן פון סאפירשטיין און אויף דעם טראן א געשטאלט ווי דאס אויסזען פון א מענטש״. (יחזקאל א׳) דניאל האט אויך געזען אן ענליכע זעאונג, ווי יחזקאל, אבער די חיות פון דניאל זענען ניט מער געווען די טרעגער פון כסא הכבוד, נאר זיי האבן פארגעשטעלט די צוקונפטיקע פעלקער וואס וועלן מלחמה האלטן צווישן זיך און פארניכטן איינע די צווייטע ביז משיח וועט קומען. זיין פארשטעלונג פון אלמעכטיקן איז געווען — אן אלטבאטאגטער אין א מלבוש ווייסער ווי שניי און די האר פון קאפ ווי לויטערע וואל. (דניאל ז׳) אזוי זענען אנשטאט בילדער פון אלמעכטיקן געקומען שילדערונגען.

צו די יידישע נביאים האבן געזען די זעאונגען אונטער דער השפעה פון זאראאסטער אדער אומגעקערט איז שווער צו זאגן. עס איז פאראנען היסטאריקער וואס באהויפטן, אז ברוך בן נריה זאל האבן געווען זאראאסטער, (דזשעקסאן „זאראאסטער״ ז. 163־65) יעדנפאלס אבער איז דניאל דער, וואס האט אריינגעבראכט אין דער יידישער רעליגיע די מלאכים. איינער פון די חכמי התלמוד האט אנגעוויזן, אז די נעמען פון מלאכים זענען מיט געקומען פון בבל. (ירושלמי ראש השנה פ״א ה״ב) ווייל דניאל איז געווען דער ערשטער וואס האט זיי אנגערופן מיט נעמען. און מחמת מלאכים זענען דער יסוד פון מיסטיציזם אין אלע רעליגיעס האט מען א רעכט צו זאגן, אז דניאל איז געווען דער פאטער פון דער יידישער קבלה, דער ערשטער אריינברענגער פון וועלט משיחיזם אין יידישן דענקן און דער ערשטער אויסטייטשער פון די געזעצן פון תורת משה.

## וויכטיק, וויכטיק!

מיר בעטן אַלע אַבאָנענטן און פריינט פון יידיש לשון שיקן די טשעקס אויסגעשריבן אויפן נאָמען, א. נ. שטענצל, ווייל „לשון און לעבן״ און „פריינט פון יידיש לשון״ האָט נישט מער קיין באַנק־קאָנטא. —ד.ר.



מ. אלמאן

## א פרעמירטע דערציילונג

עס קומט אנערקענונג דער „דזשויש קראניקל״ פאר דעם גוטן ווילן וואס זי׳ וויזט ארויס דורך איינארדנען, פון צייט צו צייט, קאנקורסן מיט פרייזן פאר דער בעסטער יידיש־ענגלישער דערציילונג.

דער דאזיקער אקט סטימולירט און ברענגט ארויס פאר דעם לייענער נייע שרייבער, וואס רייסן זיך ארויסצוזאגן זייער ווארט.

דעם לעצטן קאנקורס פון „דזויש קראניקל״ האבן געווונען דריי דעביוטאנטן. עס לוינט צו באקענען די לייענער פון „לשון און לעבן״ מיט דער דערציילונג, וואס האט געווינען דעם ערשטן פרייז.

דער מחבר הייסט מ. דינעס (דינערשטיין). ער איז אלט צוויי און פערציק יאר. ווינט אין מאנטשעסטער. ער האט שוין די פארצייכנטע שרייבערישע געווינסן אויפן טעאטער געביט. די דאָזיקע דערציילונג איז זיין דריטער פרווו אויפן געביט פון סיפור המעשה.

די דערציילונג פון מ. דינעס איז געווען פארעפנטלעכט אין „דזויש קראניקל״ פון 20סטן נאוו. ה.י. אונטערן קאָפּ: "Upon the Doorposts of Thine House" אזוי ווי דאס איז א פסוק פון „קריאת שמע״, וועלן מיר געבן אין אריגינאל: „על מזוזות ביתך ובשעריך״.

אט איז, בקיצור, די דערציילונג:

מייקל בלעיק, א רייכער אינדוסטריאליסט ארום 50 יאר אלט. אן ארויפגעארבעטער מיליאנער. מיט א שיין ווייב און א זון, א בכור, צו טראגן דעם נאמען... געבענטשט מיט פיל זאכן, דאג...

טראגט זיך דאס מייקל בלעיק, וואס האט הארווארפן זיין פריערדיקן נאמען מאיר בלאָך, אין א ראלס־קאַר מיט אן אייגענעם שאָפער, צו זיין פארגאנגנהייט — אין דער אלטער שול אריין, צו זאגן קדיש נאָכן פאטער.

א קארטל, וואס ער האט דערהאלטן פון שול אויף זיין אלטן אדרעס און פריערדיקן נאמען, האט אים דערמאנט וועגן יארצייט.

און אט אזוי אריינגערוקט אין ווייכן געזעס פון זיין ראָלס־קאר ווערט ער איבערפולט מיט נאָסטאלגיע.

ער זעט זיין ארעמע, און דאך פול מיט פרייד און ליבע, היים. זיין פאטער מיט דער צעקנוידערטער באָרד, שפילנדיק זיך מיט די קינדער, צוויי זין, וועלכע ער האט אליין דערצויגן נאך דער מוטערס טויט. געוועזן א שניידער פון איסט־ענד, וואס האט קוים פארדינט אויף חיונה. געשטארבן אין ארעמקייט. אין זיי לצטע ווארט אויסגעדריקט זארג פאר אים און זיין ברודער.

ער דערמאנט זיך און דער מוטער, וואס איז אלט געווארן פאר דער צייט. אויסגעהארעוועטע, אבער איידעלע הענט געהאט פאר אירע קינדער. ער האט זיך דערמאנט אירע געווירצטע, יידישע מאכלים, וועלכע זיין העלען קען נישט באנעמען.

מיט העלען האט ער חתונה געהאט נאך זיין פאטערס טויט. ער וואלט נישט געהאט די דרייסטקייט אנצוזאגן זיין פאטער, אז ער גייט חתונה האבן מיט א נישט־יידישער. ער קען זיך קוים פארשטעלן וואסער ווייטיק ער וואלט זיין פאטער דערמיט פארשאפט.

וויפל מאל ער האט געפרווט צו אנטלויפן פון זיך האלט אים עפעס אן אומזעבארס צוריק. וואס מערליידן דאס פאלק טראגט איבער, אלץ שטארקער ווערן די פעדעם, וואס האלטן עס צוזאמען. איז דאס אונדזער רעליגיע, אדער א טיפערער ציל ?

„וכתבתם על מזזות ביתך ובשעריך" קומט אים אין זינען ארייַן. אזוי טראכטנדיק דערנענטערט ער זיך צום יידישן ווין־קווארטאל פון די כהנס, גאלדבערגס, קאפלאנס . . . מיט די יידישע קראמען.

זיינע זכרונות שטראמען צוריק מיט פולן כח. ער פארט פארביי פאר זיין באבעס הויז. אביסל ווייטער איז זיין היים, וואס די מלחמה האט פאר־ניכטעט. און אט דא איז געווען זייער העברעישער לערער לוי. וואס געשעט דאָ ? זאל עס זיין דער זעלבער לוי איצטער, ווען ער איז געשטארבן נאך מיט 20 יאר צוריק. אבער ער דערמאנט זיך, אז ס'איז קיינמאל נישט געבליבן ליידיק לויס ארט, אן אנדערער לוי פלעגט שטענדיק אים פארטרעטן . . .

מיט אט די געדאנקען איז ער צוגעפאָרן צו דער אלטער שול, וואס האט גורם געווען זיינע איצטיקע זכרונות.

ער האט נאך איין מאל איבערגעלייענט דאס קארטל, וואס האט אים דער־מאנט דעם פאטערס יארצייט.

ווען ער איז שוין געקומען אויף דער שוועל פון שול, האט ער ווי געפילט אין זיין האנט . . . זיין פאטערס ווארעמע האנט.

„וכתבתם על מזזות ביתך ובשעריך".

מע קען נישט האבן קיין טענות צום מחבר פאר דער דאזיקער באשרייבונג. אזוי האט ער אויפגעפאסט און אָפגעשפיגלט דאס יידישע לעבן דא פונקט ווי עס וועבט זיך.

איר האט דעם ארויפגעארבעטן מיליאנער. אגב יידן זענען געווינט צו ציילן מיליאנען . . .

די געמישטע חתונה, נישט צו קענען קוקן דעם אייגענעם פאטער אין פנים אריין.

דאס פארלאזן זיך אויף די לויס, וואס פארטרעטן זיך אייביק.

און די (סימבאלישע) פאראייניקונג מיטן אייגענעם שטאם דורך קדיש זאגן.

מייקל בלעיק האט א זון, א בכור, צו טראגן זיין נאמען. אבער זיין נאמען איז א געטוישטער.

מאנטשעסטער, דעם 1טן דעצ., 1959.



רחל מירסקי

# מיין איינדרוק

(לייענענדיק דאסבוך „יידיש־שרייבער אינדערהיים")

ווי א גאלדענער האלזבאנד ציט זיך איבער דעם טייך אין דער נאכט ווען א שיף מיט אלע ליכט גייט פארביי.

עס האט פאר מיר פארבייגעצויגן די אלע וואונדערלעכע געשטאלטן — י.ל. פרץ דער פאטער, מענדעלע דער זיידע, און די גרויסע צאל אייניקלעך — פון דער יידישער ליטעראטור, ווען איך האב דורכגעלייענט דאס בוך „יידיש־שרייבער אינדערהיים", די יובילײ־אויסגאבע פון דעם נישט לאנג פארשטאר־בענעם אפרים קאגאנאווסקי.

איך שרייב די אייניקע שורות דערפאר ווייל דער אינהאלט פון דעם ווערק האט צוריקגעברענגט אויפגעלעבט אין מיין געמיט א לאנג־פארגאנגענע צייט מיט מיינע שענסטע דערמאנונגען.

עס גייט פארביי א שטיק פון מיין אייגן לעבן, ווען געווען יונג און הונ־געריק פאר וויסן ; און אויפצונעמען אין זיך שיינס און צו קענען ליב האבן שיינס.

האב כמעט די אלע גרויסע ווארטזאגער, אין דעם בוך באשריבן, פערזענ־לעך געקענט ; מאנכע נענטער, אנדערע ווייטער, ווי אלע יונגע בחורים און מיידלעך אין יענער צייט, ווען די מיינסטע פון די אלע גרויסע געשטאלטן זענען אויך נאך געווען יונג.

און זיי, די שאפערס פון דער יידישער ליטעראטור, האבן אונז ליב געהאט, ווייל מיר, די יוגנט, זענען תמיד געווען ארום זיי און מיט באגייסטערונג אויפגענומען אלץ, וואס עס איז דעמאלט געשאפן געווארן.

קיינער פון אונז איז דעמאלט נישט געווען בכח עפעס צו קריטיקירן. מען איז עלטער געווארן און אנגעהויבן בעסער צו פארשטיין ליטעראטור, האט מען נאך מער פארגעטערט די לערער און ווארטזאגער. און די קריטיק דעמאלט האט געהאלפן צו פארשטיין און צו אנטוויקלען דעם באוואוסטזיין פאר שיינ־גייסט. די יוגנט איז געווארן סענסיטיוו און געחלומט וועגן א שיינער וועלט ; און דער חלום באגלייט אונז אפשר ביז היינט, און אפשר פאר אלע צייטן פון אונזער זיין.

דאס בוך „יידיש־שרייבער אינדערהיים" גיט עפעס נייעס, וואס מיר האבן דעמאלט נישט געוואוסט.

א. קאגאנאווסקי דערציילט אונז גארנישט וועגן דעם וואס די אלע שריי־בער, דיכטער און ווארטזאגער האבן געשריבן. ער דערציילט נאר וועגן זיי אלס מענטשן, וועגן זייערע מעלות און חסרונות, וועגן גרויסקייטן און קלייני־קייטן, זייער כאראקטער אין באציאונג צו די מיטמענטשן, וועגן דעם פערזענ־לעכן לעבן, מיט אלע פריידן און ליידן ; און אסך ליידן האבן זיי כמעט אלע געהאט.

א גאר גרויסן איינדרוק מאכט י. ל. פרץ, דער טאטע פון דער יידישער

ליטעראטור, מיט זיין ליבע און גוטסקייט פאר די יונגע, איבערהויפט פאר יונגע טאלאנטן.

וואונדערלעך איז אין דעם בוך באשריבן זיין צוזאמענטרעף מיט איטשע מאיר ווייסנבערג, א. שטיק רויע ערד; און וויפל ליבע און מיטגעפיל גיט אים דער טאטע פרץ ארויסצוקריגן דאס ריינע גאלד פונם זאמד. עס איז ממש רירנד. ער שטראפט, פארגיבט און העלפט.

ווי א ליכטיקער שטערן שיינט ארויס פון דעם בוך הערש דוד נאמבערג, מיט זיין חכמה און פילאזאפיע, זיין צוטריט צו אלעס. און אלעמען, זיינע ליידן, איינזאמקייט און טויט.

דער קלוגער טונקעלער, באוואוסט פון דער נאטור, אבער באשיינט מיט זיין גרויסן פארשטאנד און אינטעליגענץ.

איך דערמאן נאר די געשטאלטן אין דעם בוך וואס האבן מיך באזונדער באגייסטערט און טיף גערירט. די אייגענע טראגעדיעס פון אונזערע גרויסע אוועקגעגאנגענע אין דער אייביקייט האבן זיי פארשאפט אסך פיין. און אפשר דורך די ליידן האבן מיר געהאט דאס בעסטע פון זיי.

אפרים קאגאנאווסקי האט אונז געגעבן א גרויס ווערק, א צירונג אין דער יידישער ליטעראטור.

## משה בעקערמאן

# אפרים קאגאנאווסקי אינדערהיים

(צו זיין ערשטער יארצייט)

אפרים קאגאנאווסקי איז געווען א פאלקסשרייבער אין פולן זינען פון ווארט. ער איז געבוירן און דערצויגן געווארן אין ווארשע אין א סביבה פון פראסטע און ארימע מענטשן. ער האט באמערקט אלע זייערע גוטע און שלעכטע מידות, און זיי מייסטערהאפט געשילדערט אין א פאלקסטימלעכער שפראך. ער האט זיך נישט זשענירט מיט קיין ווערטער און אויסדרוקן. ער האט געהאלטן פונם אנגענומענעם כלל, אז ליטעראטור פון א פאלק שליסט אייך די שפראך און פארם, מיט וועלכע זיי דריקן אויס זייערע טאג־טעגלעכע געפילן און באגערן. און אזויווי כמעט אלע זיינע טיפן שטעלן פאר, אזוי צו זאגן, דעם פראסטן עולם, האט אפרים קאגאנאווסקי נישט געזוכט צו פאלירן זייער שפראך. איז דערפאר נאטירלעך און אויסגעהאלטן צו לייענען אין זיינע סטאווקעגעסל שילדערונגען אזעלכע סצענעס:

„ווען די בעלי־עגלות פונם געסל גייען שבת בנעימותדיק מיט די טלית־זעקלעך אין שול אריין שרייען זיי פון דער זייט אראפ צו די גוישע אנטרייבער, ‚יאנעק, פשיא טוואיא מאטש׳... טרייב נישט אזוי... אן דער בייטש... שלאג נישט די שקאפע״...

אדער: „אז די שמייסער־יונגען מיט פינצטערע דאשקעס שלעפן אן אויסגעפוצט פערד אויפן ווינער פלאץ ארויס, שרייט מען צו זיי אראפ פון די פענסטער, ‚בענקארטעס, שלעפטס נישט!׳״... אדער: „אז די מיידן מיט די



יונגען שטייען ביי די טויערן און קוקן אויף זייערע נייע שיך, גיט איינער א פרעג, ‚וואס מאכן זי, פראניעלע? ווען קומט איהנס מאן אהיים פון די זעלנער?׳... און דער ענטפער איז, ‚כ׳וויס אליין ניש... ס׳איז מא שוין נמאס צוווארטן׳״... אדער: „אז א יונג מיט א רויט ווי אפגעקאכט פנים פרעגט ביי א מויד מיט א פייכטן, שווארצן, גלאנציקן לאק אויפן שטערן, ‚ריקל, ווען גייט דיין חתן לויז?׳ ענטפערט זי מיט א באסאווער שטימע, ‚אין צוויי חדשים ארום, ס׳קאנטשעט זיך זיין וויראק׳.״

און אזוי ווערט יעדע שילדערונג פונם סטאווקע געסל איבערגעגעבן אין דער שפראך פון די באטרעפנדע העלדן.

אפרים קאגאנאווסקי האט נישט געלעבט ווייט פון זיינע העלדן. ער איז נישט געווען דער אריסטאקראט, וואס האט זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון א פריוואט־סעקרעטאר, אויף ווענען צו בייזערן זיך ווען די „מוזע״ האט זיך געשפילט מיט אים אין „קאץ און מויז״. ער האט ליב געהאט זיינע העלדן אזוי ווי זיינע לייענערס. די מידה, גלויב איך, האט ער גערירשנט פון זיין פאטער, וועלכער האט ליב געהאט נאר פראסטע מענטשן און תמיד רחמנות געהאט אויף די גבירים, וואס „האבן, נעבעך, נישט קיין פארגעניגען פון זייער לעבן״.

זיין פאטער איז אויך געווען א וואונדערבארער דערציילער, אבער אפרים קאגאנאווסקי איז געווען דער פרינץ פון דער דערציילונג. ער האט דורך זיינע שילדערונגען פאראייביקט זיינע העלדן אין דער ידישער ליטעראטור.

זיין מוטער איז געווען דער קעגנזאץ פון פאטער. זי האט אוועקגעגעבן אסך פון אירע כחות פאר זיין עלטערער שוועסטערס בילדונג, און ווען די דאזיקע שוועסטער האט זיך פלוצלינג „פארליבט״ אין יידיש און אין דער יידישער ליטעראטור, האט דאס זיין מוטער פארשאפט גרויס עגמת־נפש, ווייל זי האט מורא געהאט, אז דאס וועט איר טאכטער שטערן צו קומען אין דער „בעסערער געזעלשאפט״.

ווען איך האב אנגעפאנגען אויפסניי צו לייענען קאגאנאווסקיס מייסטערהאפטע דערציילונגען אין דער „פאריזער צייטשריפט״ און שפעטער אין דער „נייער פרעסע״, און אויך געלייענט די אנפאלן אויף אים מצד א געוויסן טייל פון דער פאריזער און אמעריקאנער יידישער פרעסע, האב איך געזוכט א געלעגנהייט צו מאכן זיין פערזענלעכע באקאנטשאפט.

די דאזיקע געלעגנהייט האט זיך מיר געמאכט אין סעפטעמבער, 1957. איך בין דעמאלט געווען אין פאריז און בייגעווען אויף א שלום־אש אקאדעמיע. מיין פריינט, ב. שלעווין, האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז קאגאנאווסקי זיצט אויף דער פלאטפארמע צווישן א רייע שרייבער.

נאך דער אקאדעמיע האט מיר שלעווין פארגעשטעלט פאר אים. אין זיין ברייטן, ווארימען האנט־דרוק איז פאר מיר געשטאנען א גרויסער מענטש, וואס האט נישט קיין מורא צו פארלירן קיין ברעקל פון זיין גרויסקייט דערמיט וואס ער איז אזוי „פאניע־בראט״ מיט א פראסטן בשר־ודם.

מיט זיין האנט אויף מיין אקסל, האט ער מיך לאנגזאם אוועקגעפירט פונם

טומל אין זאאל און מיך איינגעלאדן אויף מארגן נאכמיטאג צו אים אהיים אין הויז.

איך האב זיך, נאטירלעך, פון אזא אומדערוואַרטעטער איינלאדונג נישט אנטזאגט; און ווען איך האב צו דער באשטימטער צייט א קלונג געטון ביי זיין טיר, איז ער אליין מיר אנטקעגנגעקומען מיט אפענע הענט, אזוי, ווי צו אן אלטן גוטן פריינט.

אויפן וועג צו זיין שרייב־קאבינעט, האט ער מיר אנגעוויזן אויף זיינע אומצאליקע בילדער, מיט וועלכע די ווענט זענען באהאנגען. „דאס, זאגט קאגאנאווסקי, איז מיין ארבעט. מיט דעם פארנעם איך זיך, אז איך האב קיין געדולד נישט צו שרייבן. און אז „די נייע פרעסע" טעלעפאנירט מיר און האבן טענות וועגן ארטיקלען, זאג איך זיי, אז איך בין באשעפטיקט".

אויף מיין פראגע, „וואס האט אייך באוואויגן צו קומען קיין פאריז נאך דעם צוריקקער פון רוסלאנד קיין ווארשע אין 1945 ?" האט ער מיר געענטפערט מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ, „מיינע לייענער? אין ווארשע האב איך נישט מער געטראפן מיינע לייענער . . . האב איך געהאפט, אז איך וועל נאך טרעפן א צאל פון די, וואס זענען אנטלאפן, דא אין פאריז. און איך האב קיין טעות נישט געמאכט. איך בין דא ווידער ארומגערינגלט מיט מיינע נאנטע".

אין אונזער לענגערן געשפרעך האט זיך ארויסגעוויזן, אז קאגאנאווסקי ליידט שטארק פון דריי פארלוסטן: ערשטנס, זיינע אייגענע ווערק, פון וועלכע ס'איז נישט געבליבן קיין זכר אין פוילן; צווייטנס, זיינע טויזנטער לייענער אין פוילן; און, דריטנס, דעם פארלוסט פון זיין פאמיליע.

אין יאר 1914 האט זיך זיין גאנצע פאמיליע, אויסער זיין פאטער, באזעצט צייטווייליק אין אדעס און זענען שוין דארט פארבליבן. אין יאר 1940 האט זיך די גאנצע פאמיליע זיינע געפונען אויף א שיף אויפן שווארצן ים בעת דער עוואקואציע פון אדעס. די נאציס האבן אויפגעריסן די שיף, און זיי זענען אלע דערטרונקען געווארן.

„זייער געביין, האט ער מיר געזאגט, איז נישט געקומען צו קבר־ישראל".

א גרויסע טרייסט האט קאגאנאווסקי געפונען אין דעם, וואס זיינע וואר־שעווער לייענער, וואס געפינען זיך איצט אין די אמעריקאנער לענדער, האבן אים געשיקט זיינע פארלוירענע ביכער. מיט ציטערדיקע הענט, און ווי א מוטער וואס האט געפונען אירע פארלוירענע קינדער, האט ער ארויסגענומען פון א פארשלאסענעם שופלאד אין זיין שרייבטיש און מיר געוויזן די דאזיקע ביכער, וואס זענען דערשינען אין ווארשע און אין ווילנע צווישן די יארן 1913־1939.

„איר קענט גארנישט באגרייפן ווי גערירט ביז טרערן איך בין געווען, ווען איך האב די ביכער דערהאלטן. מיינע לייענער האבן אין מיר נישט פארגעסן. מיט אלע כחות וועל איך פארטזעצן מיין ליטערארישע ארבעט" — האט ער צוגעגעבן.

קאגאנאווסקי האט מיר געשענקט א פראכט אויסגאבע פון זיין יובילעאום־



אויסגאבע „שריפטן", דערשינען אין פאריז, אין 1951.

אפרים קאגאנאווסקי האט נישט געוואוינט אין די יידישע קווארטאלן, ווי די רעפובליק, „דאס פלעצל" אדער די בעלוויל. ער האט געוואוינט אין א קריסטלעכער געגנט אויף רי גאזאן. אזא וואוינונג האט מען געפונען אין די גאסן אַרום דער מארשאלקאווסקע, אבער נישט אויף דער ניזקע, סטאווקע אדער אויפן פאוואנזעק. און קאגאנאווסקי האט באמערקט אין מיין בליק, אז איך וואונדער זיך ווי קומט ער, דער מייסטער פון סטאווקע געסל און דעם גזשיבאוו, אין אזא אריסטאקראטישער וואוינונג. דערציילט ער מיר: „איר זעט דעם שרייבטיש? אט ביי דעם דאזיקן טיש איז געזעסן א יידישער אדוואקאט. די נאצי־בעסטיעס זענען אריין אין צימער און נישט אויסרעדנדיק א ווארט אים דערשאסן אויף טויט. פון יענעם טאג איז דיזע וואוינונג געווען געשלאסן. ווען איך בין געקומען קיין פאריז, האט דער יידישער הויזווירט אנגעבאטן די וואוינונג אן שליסל־געלט און ביליקע דירה־געלט".

ביים געזעגענען זיך מיט אפרים קאגאנאווסקי, האט ער מיר אנגעזאגט: „ווען איר געפינט זיך נאר אין פאריז זאלט איר נישט ווארטן אויף קיין איינלא־דונג. קומט מיך זעען ווען איר ווילט."

כאטש איך האב פארברענגט די שענסטע, גייסטיקע 3־4 שטונדן אין דער געזעלשאפט פון אפרים קאגאנאווסקי, בין איך אבער אוועק פון אים מיט א שווערן געמיט. ער האט מיר געשיינט צו זיין פיזיש צעבראכן; און ווי דאס הארץ זאל מיר האבן געזאגט, האב איך זיך געשטעלט די טרויעריקע פראגע: „וועל איך זיך נאך אמאל טרעפן מיט אים אין פאריז?"

נאך זיין רייזע פון ישראל צוריק קיין פאריז האב איך דערהאלטן פון אים א בריוו, אין וועלכן ער רעדט מיט באגייסטערונג וועגן דער אויפבויאונג פונם לאנד און נעמט אן אלס א נאטירלעכע דערשיינונג די גוטע אזוי ווי די שלעכטע זייטן פון די יידן אין ישראל.

פיליכט האט ער אין זינען געהאט דעם טיילווייזן באיקאט, מיט וועלכן די שרייבער־קרייזן האבן אים דארט באגעגנט . . .

וואלטן זיינע „קריטיקער" זיך ערנסט באקאנט מיט זיינע ליטערארישע שאפונגען און מיט אים פערזענלעך, וואלט די יידישע פרעסע געקענט דינען דעם לייענער מיט וויכטיקערע טעמעס ווי אנפאלן און באליידיקונגען אויף דעם אומשטערבלעכן אפרים קאגאנאווסקי, וועלכער האט געטריי געדינט זיינע פאלקס־מענטשן ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

אפרים קאגאנאווסקי איז אוועק פון אונז פרייטאג, דעם 17טן אקטאבער, 1958. זיין שאפן וועט אייביק פארבלייבן און באררייכערן די יידישע ליטעראטור!

„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

## עלי זילבערג

### פארן פאעט

1

פאר וועמען רעדסט דו,
פאר וועמען שרייבסט דו,
פאר וועמען
גיסט דו אויס דיין צארן ?
דיינע ווערטער ווי די פערל,
אין תהום פון לעבן,
גייען פארלארן.

2

ווער פארשטייט דיך ?
ווער באגרייפט דיך,
וועמען ארען דיינע קוואלען ?
דיינע זיפצען, דיינע ווייען,
ניט דערהערט, זיי
ווערן פארפאלן.

— — — — — — — —

נאר ווי דער ווינט,
וואס קען ניט שווייגן.
אזוי דיין גייסט,
בלייבט אומגעשטילט.
און האסט דערוועקט,
כאַטש איין נשמה,
איז דיין צוועק דערפילט.

---

## שמואל וואהייט

### אין שעהן שפעטע

אין שעהן שפעטע
ווען כ׳בין מיט מיר אליין
זוך איך דיין נאנטקייט,
וויל לערנען דיין גרויסקייט צו פארשטיין
פיל איך דעם הויך וואס אומהילט מיך,
דערפיל דיין נאָנטקייט
באַווייהט מיך אזא ווארמקייט
וואס מאכט מיך דערהאָבן,
שפרודעלט אין מיר די געטליכקייט
וואס זעליגט מיין זיין.
דיין גייסט וואס וועקט צו העכערס
אין שעהן, ווען כ׳בין מיט מיר אַליין.

---

קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**

---

### מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 19׳טן דעצעמבער — דאָס טראַדיציאָנעלע חנוכה־פראָגראַם.

שבת, דעם 2׳טן יאַנואַר — וועט דער באַוווסטער אַקטיאָר יידל גאָלדבערג לייענען און רעציטירן.

שבת דעם 9׳טן — אַ רעפעראַט פון מ. מינדעל.

## די מכה פון מאקולאטור

איינער פון די רעדאַקטוירים פונם "World Jewry", אַ פרעסע־מענטש וואָס גייט נעבעך איבער פון שנאה צו יידיש, ווי אַן אויפג׳יענדיקע דייזשע פול מיט זויער־טייג, צוגעדעקט מיט אַ פאַרדאָסט בעטגעוואַנטל, — האָט ער, אפנים, קיין פלאַץ שוין נישט געפונען אין זיין „פיקטשער בוק“, כ׳מיין דעם בכבודקן זשורנאַל זיינעם, דעם נומער פונם היינטיקן חודש, ווו די „מענטשלעך“ האָבן זיך ממש פרה ורבה געווען, נאָר אים אַרונטער צולייגן אונטערן אַנגע־צונדענעם טאַנענבוים וחנוכה־„קאַנדלס“, — האָט ער אַן עק פון זיין איינגע־זויערטע שמאַלץ־הערינג שנאה אָפּגעדריקט אין „דזשואיש קראָניקל“.

געמיינט דאָס פאַרוואַנצטע נקמה־אַרטיקל, ווו ער ווייזט אויף ברעיות ברורות מיט אַ ציפערן־טאַבעלע פון לויטערן סטאַטיסטיק, רחמנה לצלן, אַז די צייטונגען און זשורנאַלן אין יידיש גייען נעבעך אַלץ מטה און אין ענגליש (פון יהודים און כל ערל״יי סי׳אָניסטן) הייבט זיך עד לב השמים.

איז מיט אַזעלכע טענה׳ט מען טאַקע נישט איין, ווען זיי שטעקן זייער הענטלעך אַריין אין ענינים פון ליטעראַטור... אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך אין מאַקולאַטור.

פרעגט זיך: וויפיל נומערן פאַרקויפט זיך פון דער צייטונג, וואָס ער העלפט רעדאַגירן און אַ סך ענלעכע, פאַרטייאישע, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פון די שילומים־געלדער, מיט ברייטער האַנט און אויף הויכן פוס ?

דער מאַקולאַטור איז דאָך די „מכה אשר לא כתובה בתורה“, וואָס פאַר־פלייצט די יידישע גאַס און פאַרענדיגט ערשט די יידישע תוכחה, מיט זייער האַס־פראָפּאַגאַנדע געגן יידיש, חוצהדיק אָפענע און חניפיש־פאַרדעקטע.

און ווי וויסנשאַפטלעך־באַוווסט עס רעדט דאָס און חוצפהדיק „שטאַט־מעניש“, געגן אַ לעבעדיק איינגעאָרדנטע פרעסע, וואָס קורסירט איבער דער גאַנצער וועלט פון וועלכער יידישע אָנגעזענע שרייבער מאַכן אַן ערלעך לעבן.

* * *

אַז ווער זיינען זיי בכלל, דער מין „ענגלישע“ צייטונג־שרייבער איבער יידישע ענינים — 90 פראָצענט „פאָרענער“, וואָס האָבן „געכאַפּט דעם שניט“ — דער ערשטער דור, שוין פון דאָ געבוירענע, ווען סטייעט אים שוין אויף אַזויפיל, אַז ער קאָן זיך אַריינכאַפּן מיט ביידע פיס אין אַ ריכטיק ענגלישע צייטונג — רירט דאָך שוין נישט אָן דעם״...

היינט זיינען

פריער זיינען געווען אָפענע, אַסימילאַציע־אגענטן. זיי עס אונטער מאַנטל פון „היברו“, פון „רעלידזשן“ — נאַציאָנאַלע העלדן און גאָטס קאַזאַקן, צי גאָר יידישיסטן אין אויסגעוואַקסענע מייטקעס.

אונטער דער קרעמעל־וואַנט האָבן געהאָלפן אייגענע חרוב מאַכן די יידישע פרעסע, די יידישע קולטור מיט כוח מיט איין קלאַפּ, פון מאַרקיזם, דאָ גראָבט מען אונטער, הינטן אַרום, אַז די שוואַכע נאָך לעצטע געבליבענע וואַנט זאָל אויך איינפאַלן — פונם ענגען נאָציאָנאַליזם.

די כותל מערבי אָבער פאַלט נישט איין — זי בלייבט שטיין, זי ווערט אָפּגעהיטן פון גאָט אַליין — אונזער מאַמע יידיש, איז זי דען נישט די שכינה וואָס האָט געשוועבט איבער אונזער שטעטלעך און שוועבט נאָך אַלץ איבער צעפּאַלענקייט, וואָס לייגט נאָך אַלץ אַ ציגל אויף אַ ציגל אונזער בדק־הבית צוריק אויפצוריכטן, ווו נאָר מיר פונדעווען זיך איין, אפילו אין מדינת ישראל.

טראָץ אַלע שטערענישן פון די עברית־העלדן, איז די יידישע פרעסע דאָרטן די שטאַרקסט־דעוואַקסענע און לעבט סאָליד איינגעאָרדנט (אויף וויפיל מען לאָזט זי עקסיסטירן...) און פירט אַן ערלעכע עקסיסטענץ, פון אַ לעבעדיק ווענן וואָס לעבט פון אייגענע כוחות. און יידישע שרייבער דאָרטן פילן אַ געזיכערטן באדן אונטער זייעס פיס ווייל זיי האָבן געפינען אַ מקום חיונה, צו פאַרדינען אַ כשר שטיקל ברויט פאַר ערלעכע אַרבעט.

ש.

# לאָנדאָנער קולטור־ידיעות (המשך)

צום דערשיינען פון י. טיגערס בוך, אַרויסגעגעבן לכבוד דעם 200 יאָרצײַט פונם בעל־שם, האָט דער זשורנאַליסטן פעראיין צוזאַמען מיט יידישן וועלט קאָנגרעס געגעבן אַ גלעזל טיי. אויף דער טעמא בעל־שם האָט גערעדט א. מ. קייזער וועלכער האָט געפירט דעם פאָרזיץ און דער מחבר י. טיגער, וואָס האָט גערעדט איבער זיין געבוירן שטעטל, צווישן די קארפאַטן בערג, ווי דער בעל־שם פלעג זיך מתבודד זיין. עס האָבן באַגריסט טיגערן צום דערשיינען פון זיין בוך ע. וו. פאָדאָלסקי ס. האָראָוויץ, הערי מייער א.א.

• • •

די סטאַרס אין גרענד־ פאַלעי־טעאַטער הענרי גערא און ראָס טאָ לאָנדנער גייען אָן מיט גרויס דערפאָלג. זיי באַלעבן די בינע מיט זייער יוגנדלעכקייט און ווירטואָזיטעט. דאָס זינגען פון ראָזיטאַ לאָנדאָנער האָט יידשלעכן חן, אַז זי זינגט אַ יידיש פאָלקס לידל צעגייט עס זיך אין אַלע אברים. און געראָ נעמט דעם עולם מיט יעדן באַוועג און זשעסט און יידישלכן וויץ.

• • •

אין פאַרגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט אין די סעמינאַר אָוונט, וואָס ציען אַן עולם הערער, י. ריכטקער, רעוורענד דזשעקאָבס, יוסף פרענקל, מאָריס מינדעל.

• • •

ביי דער שלום עליכם־פייערונג פון „פריינט פון יידיש לשון" אין בן אורי האָט געהאַלטן דעם רעפעראַט דר. יעקב מייטליס, געליינט פון שלום עליכמס דערציילונגען האָבן נעט רובין און י. ביעטש. געזונגען שלום עליכמס וויגן ליד האָט רבקה היישעריק. פאָרזיץ א. נ. שטענצל. דער אָוונט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

דער דזשואיש קוואָרטערלי, צוזאַמען מיט דער וויצ"א געבן דעם פילם „טביה דער מילכיקער". זונטיק דעם 20'סטן דעצעמבער, אין פרענטש אינסטיטוט. לכבוד דעם שלום עליכם יאָר.

• • •

ביי דער אויסשטעלונג פון יוסף בערגנער, אַ באַקאַנטער ישראל מאָלער, איז געווען אַ שטעל־דיך־איין, אַ ראַנדעווו, פון די ייגנע ישראל קינסטלער און די ענגלישע — עס איז געווען „עומדים צפופים ומשתחווים רוחים". יוסף בערגנער איז דער זון פון באַרימטן שרייבער מלך ראַוויטש. בערגנער איז שוין באַקאַנט דעם יידישן, אין קונסט־אינטערעסירטן, מיט זיינע צייכנונגען צו פרצעס דערציילונגען. קומנדיקן חודש אַן אַרטיקל איבער בערגנער פון באַוווסטן מאָלער יוסף הערמאַן.

• • •

דעוויד דענאו האָט ביי די שבת נאָכמיטאָגס געהאַלטן אַ רעפעראַט איבערן יידישן ישוב אין דרום־אפריקע. פאָרגעליינט פון די שאַפונגען פון די דאָרטיקע שרייבער האָבן י. ביעטש און בעלאַ ווײַנער.

• • •

צום יובל: 50 יאר יידיש סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן און 62 יאָר בונד, האָט די בונדישע גרופע געפייערט ביי געדעקטע טישן אין קאָרא־האָטעל. גערעדט האָבן לוציאַן בליט, מ. מינדעל, סעם לעוו און חהלע, אַ גאַסט פון אָסטראַליע. מיט רעציטירן און זינגען האָבן זיך באַטייליקט אסתרל בראָנשטיין, פרוי לעוו, מאיר באָגדאַנסקי, הערש לייב קאופמאַן. געפירט דעם פאָרזיץ האָט בערל ראָזנער. דער אָוונט איז געווען אַ חברישער און אַ פייערלעכער.

## „פריינט פון יידיש לשון"

בן־אורי, פאָרטמען סטר. 14 וו.1

## א חנוכה פייערונג

חנוכה ליכט־צינדן, רעציטאַציעס און געזאַנג

זונטיק, 27'סטן דעצעמבער, 8 אַזייגער

עס באַטייליקן זיך: נעט רובין, מאיר באָגדאַנסקי, י. ביעטש, א.א.

איינטריט פריי!

TOWER HAMLETS LIBRARIES